Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 116/16116 | Łódź, Poniedziałek 20 maja 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י' אייר תרפ"ט | Nr. 116/16116

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

א פארשלאג פון די סיים-בעשולדיגער

אין דעם פראצעס געגען געוו. מיניסטער טשעכאוויטש איז אפגעווארפען געווארען

ווארשא, 19 (טעלעפאניש). די דעפוטאטען ליבערמאן, וויזשיקאווסקי און פיעראצקי. וועלכע טרעטען ארויס אלס בעשולדיגער פאר'ן מלוכה-טריבונאל אינ'ם פראצעס פון געוועז. פינאנץ-מיניסטער טשעכאוויטש, האבען וועלענדיג פערשפרייטען די ראהמען פון פראצעס ארייננעטראגען בשעתו א פארשלאג צו דעם ריכטער זאלעסקי, וועלכער פיהרט די אויספארשונג, וועגען צוציהען אלס עדות אין דעם דאזיגען פראצעס: דעם געוועז. פרעמיער בארטעל, דעם געוועז. ארבייטס-מיניסטער יורקעוויטש, ווי אויך אנדערע מיטגלידער פון דער געוועזענער רעגירונג.

די דאזיגע עדות האבען געזאלט צושטעלען מאטעריאלען וועגען די ביודזשעט-דיסקוסיעס אין מיניסטארען-ראט.

דער ריכטער זאלעסקי האט דעם דאזיגען פארשלאג אפגעווארפען.

די דעפוטאטען ליבערמאן, וויזשיקאווסקי און פיעראצקי האבען דערויף ארייגעטראגען אנ'אנקלאגע אין מלוכה-טריבונאל.

אויף דער נאהענטסטער ווירטשאפטליכער זיצונג פון מלוכה-טריבונאל וועט די דאזיגע אנקלאגע בעטראכט ווערען.

בכלל איז די אויספארשונג וועגען די איבערשרייטונגען פון בודזשעט לעת עתה נאך נישט געשלאסען געווארען, און צוליב דעם אפגעווארפענעם פארשלאג מצד דער בעשולדיגונג ריכט מען זיך אפילו אויף געוויסע קאמפליקאציעס אין דעם ענין.

טשעכאסלאוואקיי און דייטשלאנד

דערקלערונגען פון פרעזידענט מאסאריק

ווין, 19. (ספ. טעל.) „נייע פרייע פרעססע" פערעפענטליכט א געשפרעך צווישען דעם בערלינער אוניווערסיטעטס-פראפעסאר יוליאן וואלף מיט דעם טשעכישען מלוכה-פרעזידענט מאסאריק און דעם טשעכישען אויסערן-מיניסטער בענעש.

דער דאזיגער געשפרעך שטעלט מיט זיך פאר אנ'אמת'ע סענסאציע.

וואס שייך די בעציהונגען פון טשעכאסלאוואקיי לגבי דייטשלאנד — האט מאסאריק דערקלערט — מאכט די טשעכישע רעגירונג ווייטגעהענדסטע בעמיהונגען, אום צו ברענגען א הסכם צווישען דייטשלאנד מיט פראנקרייך, און צו דער דאזיגער דערנעהענטערונג העלפט אין א שטארקער מאס דער פרט, וואס דייטשלאנד האלט אויף א געוויסע מעסיגקייט אין דעם ענין עלזאס, וואס איז אזוי רייצבאר פאר פראנקרייך.

מאסאריק צווייפעלט נישט, אז אויב ס'זאל קומען צו א דייטש-פראנצויזישע דערנעהענטערונג, וועט זיך אויך די בעציהונג פון ענגלאנד לגבי דייטשלאנד פערבעסערן און עס וועט קומען צו א געגענזייטיגען צוטרוי.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך — האט מאסאריק דערקלערט — איבעריג צו רעדען וועגען דעם, אז טשעכאסלאוואקיי זאל אויף א וואסער איז נישט אופן ארויסטרעטען געגען דייטשלאנד, און דער בעסטער בעוויז דערצו איז, וואס די פערבינדעטע פון טשעכיען ווארפען איהר פאר גערמאנאפילישקייט.

נאציאנאליסטישע און טראצקיסטישע שטימונגען

צווישען די יודישע סטודענטען פון מאסקווער אוניווערזיטעט

מאסקווע (יט"א). דאס צענטראל-ביורא פון דער יודישער קאמוניסטישער סעקציע האט אויסגעפונען, אז צווישען די יודישע סטודענטען אויפ'ן מאסקווער אוניווערזיטעט מערקען זיך לעצטענס יודיש-נאציאנאלע שטימונגען פון איין זייט און טראצקיסטישע פון דער צווייטער.

דאס ביורא האט אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער עס ווערט ערקלערט, אז דער יודישער פאקולטעט ביים מאסקווער אוניווערזיטעט ליידט דערפון, וואס דער סאציאלער בעשטאנד פון די סטודענטען איז נישט קיין צופרידענשטעלענדער, ד. ה. אז די צאהל קינדער פון פראלעטארישע עלטערען איז דארט נישט אין דער גענוגענדער פראפארציע. אין דער רעזאלוציע ווערט אויך פעסטגעשטעלט, אז די צאהל יודישע סטודענטען קאמוניסטען אויף דעם פאקולטעט איז א קליינע און אפילו זיי די קאמוניסטישע סטודענטען נעהמען נישט קיין אנטייל אין דעם געזעלשאפטליך-פאליטישען לעבען.

שטארקע אנטי-מילה-העצע אין אוקראינע

כארקאוו. (יט"א) דער קאמוניסטישער „שטערן" האט אנגעהויבען א שטארקע קאמפאניע געגען מילה ווי אויך געגען כשרות.

די דאזיגע צווי ווילדע מנהגים, מילה און כשרות, שרייבט דער „שטערן", מוזען אויסגעריסען ווערען מיט'ן ווארצעל. עס איז א חרפה פאר יעדען איינציגען זבירגער פון ראטען-פערבאנד ער זאל נאך אויספיהרען אזעלכע ווילדע ריטועלע מנהגים".

די צייטונג קלאגט זיך, אז פאר די לעצטע עטליכע יאהר איז די צאהל יודישע רעליגיעזע חברות אויף אוקראינע בעדייטענד גרעסער געווארען. עס האבען זיך אויך פערמעהרט די אומלעגאלע חדרים. די צייטונג פערזיכערט, אז די דאזיגע אלע חברות, חדרים און ישיבות בעקומען שטיצע פון אויסלאנד, פון ליובאוויטשער רבי'ן וואס שיקט צו געלד אויף פריוואטע נעמען אין די אוקראינישע שטעט און שטעטלעך.

א רומענישע הלואה

ווין, 19 (ספ. טעל.) פון בוקארעשט מעלדעט מען:

די רומענישע רעגירונג האט געשלאסען אנ'אפמאך מיט א פאריזער באנק וועגען א הלואה אויף אנ'ערך 30 מיליאן פראנק, וואס זאל זיין בעשטימט אויף לאנדווירטשאפטס-צוועקען.

סער ראבערט וואלי קאהען און סער דעסערדינג שלאגן רעקארד

לאנדאן. (יט"א) לויט ווי עס טיילט מיט די ענגלישע פרעסע האבען סער העגרי דעסערלינג און דער בעקאנטער יודישער כלל-טוער סער ראבערט וואלי קאהען געשלאגען דעם רעקארד לויט דער צאהל לייטענדע ווירטשאפטליכע אמטען, וועלכע זיי פערנעמען. ביידע אינדוסטריעלער פערנעמען צו 59 פאסטענס פון דירעקטארען און מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראטען הויפטזעכליך אין דער נאפט-אינדוסטריע.

1.300 קינדער פראטעסטירען געגען אנטיסעמיטיזם

מאסקווע. (יט"א) 1,300 שול-קינדער אין טאמסק האבען אבגעהאלטען א פערזאמלונג און פעראורטיילט דעם אנטיסעמיטיזם אין ראטען-פערבאנד. די קינדער האבען אויסגעטיילט פון זיך א דעלעגאציע, וואס וועט פאהרען קיין קרים זיך צו בעקענען דארט מיט דער ארבייט פון די יודען אין די קאלאניעס. אויף דער פערזאמלונג האבען די קינדער אויך אנגענומען א רעזאלוציע, אז יעדעס קינד זאל איינלאדען זיין פאטער, מוטער שוועסטער און ברידער צו בעטייליגען זיך אין קאמף געגען אנטיסעמיטיזם.

בחנם ברויט פאר די הונגעריגע אין ווילנער קאנט

ווילנע, 19 (טעלעפאניש) נאך דעם צוזאמענפאהר פון די סטאראסטעס פון ווילנער קאנט, האט דער וואיעוואדע בעאויפטראגט תיכף ארויסצולאזען אויפ'ן מארק תבואות פון די אינטערווענץ-זאפאסען.

אין די פאוויאטען, וואו עס הערשט דער הונגער, וועט די תבואה פערטיילט ווערען צווישען דער בעפעלקערונג בחנם.

Dr. med.

B. Robinzon

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען.
פעטריקאווער 10, טעל. 31-86
עהמט אן פון 8—9½ פריה און פון 3½—4½ נאכמ'

אכטונג, פריזיער-מייסטער!
היינט, 7 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון האנדוו.-קלוב (פאלודניאווא 4) אנ'אויסערגעוועהנליכע
אלגעמיינע פערזאמלונג
פון פריזיער-מייסטער-פעראיין.
אויפ'ן סדר-היום שטעהען א רייה ברענענדע און אקטועלע פראגען.
אלע מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.
די פערוואלטונג. 7371

דאמען-פאלטענס
גאבארדין, זיידענע, בערבערען, אויך גומי-פאלטענס צו קאנקורענץ-פרייזען, עמפפעהלט
„קרעדיטפאל"
לאדז, פיעטריקאווער 70, פראנט, 2. שט.
אויף ראטעס און פאר קאסע.

עס ווערט מעהר נישט געטאנצט
אין זאל פאלודניאווא 10.
היערמיט מאך איך בעקאנט, אז דינסטאג, דעם 21. מאי ווערט געעפענט אין מיין זאל פאלודניאווא 10
א כשר'ער רעסטאראן
אנגעפיהרט פון ערשטקלאסיגע יאכליים. ס'ווערט ארויסגעגעבען טעגליך היימישע געשמאקע מיטאגען צו צוגענגליכע פרייזען.
בעמערקונג: עס ווערט אנגענומען בעשטעלונגען אויף חתונות, באנקעטען א.א.וו. אויך קענען זיך מעלדען קוואליפיצירטע קעלנערינס.
מיט אכטונג דניאל פרידוואלד.

Dr. DONCHIN
מאניושקי 1, טעלעפאן 97-9
ספעציאל-ארצט פאר אינערע קראנקהייטען
נעמט אן טעגליך פון 10—1 מיטאג און 4—7 נ.מ.
זונטאג פון 10 ביז 1 מיטאג.

ציעכאצינעק
ד"ר מעד. י. פישמאן
ווארשא, טווארדא 21
נעמט אן אין דער וויללע „קאשצושקא".
(נעגענאנבער די בעדער 2).

האנטווערקער-פאריין, אגראדאווע 9
אכטונג, פריזיער!
היינט, 6 אוונט — א וויכטיקע
פערזאמלונג
פאר מיטגלידער פריזיער-מייסטער.
טאג-ארדנונג: בעשאפענע פאך-לאגע. 7369

ס'ווערט געברויכט אנ'ערשטקל. קוואליפיצ.
דאמען-שניידער
געזעלען
פון זאפארט ביי לייזער ראוויטש, גדאנסקא 25

Dr. med. **H. Lubicz**
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און מענער שוואכע קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאמפע (האר-אויספאל)
נעהמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אוונט.

פאר אנ'אלגעמיינעם טעקסטיל=שטרייק אין ענגלאנד

לאָנראָן, 19 (ספ. טעל.) אויב ס'זאָל נישט קומען צו קיין אויסגלייך דראָהט אַ שטרייק פון 200,000 טעקסטיל־אַרבייטער אין לאַנקאַשיר. דער קאָנפליקט האָט זיך אָנגעהויבן צוליב אַ לוין־סכסוך אין אַ אַלדאַמיר שפּינעריי. די אונטערנעהמער האָבן געפּאָדערט, אַז די פערשטרייקטע אַרבייטער זאָלען צוטרעטען צו דער אַרבייט ביז אַ רעציזיע פון אַן אַרבייטער־קאָמיסיע; דער טערמין אויף אויפצונעהמען די אַרבייט איז בעשטימט אויף מאָרגען, די שטעלונג פון די שפּינעריי־אַרבייטער ווערט געשטיצט דורך 200,000 אַרבייטער.

דאָס אַרבייטס־מיניסטעריום בעמיהט זיך צו פערמיטלען און אויסמיירען דעם אַלגעמיינעם שטרייק.

באָמביי, 19 (ספּ. טעל.) דער דזשענעראַל שטרייק אין באָמביי האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע בעסע אויף דער בערזע, וואָס ס'האָט אַרויסגערופען אַ בעאונרוהיגקייט אין די האַנדעלס־קרייזען און אַ ווענדונג צו דער רעגירונג נאָך הילף.

די שטרייקענדע האָבען פרעוויל אָנגעהויבען אַרויסצופאָהרען אין די דערפער. די לאָמבאַרדען ווערען ממש בעלאַגערט. מ'פערזעצט די שמוקזאכען און אַנר. כדי צו בעקומען אויף רייזע־הוצאות. די יעהרליכע פערזאַמלונג פון די אימפּאָרטערען אין דעלהי האָט פעסטגעשטעלט אַני־אויסעראָרדענטליכע פערערגערונג אין די געשעפטען. די קויף־קראַפט פון דער בעפעלקערונג איז געפאַלען. דערצו קומט נאָך צו דער באָיקאָט אויף סחורה. ביז אַ דריטעל פון ענגלישע פאַבריקען האָבען זיך געשלאָסען צוליב'ן אָפּשטעלען פונ'ם עקספּאָרט קיין אינדיען.

2 דריטעל יודען אין אוקראינע און ווייסרוסלאנד זענען ארבייטסלאז

מאָסקווע, 19 (יט"א טעלעגראַפיש). לויט סטאַטיסטישע מאַטעריאַלען, וואָס עס האָט פערעפענטליכט דער מאָסקווער „אָרט" זענען צוויי דריטעל יודען אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד — אַרבייטסלאָז.

נאָר איין דריטעל האָט בעשעפטיגונג.

נאָך ערגער איז די לאַגע אין די גרויסע שטעט, ווי לענינגראַד און מאָסקווע.

210 יורשים מעלדען זיך נאך דער אמעריקאנער ירושה

בריין (י.ט.א.) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ידיעה וועגען דער אַמעריקאַנער ירושה פון 30 מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם 94 יעהריגען יודישען זקן, וועלכער לעבט אין מושב זקנים אין טרענטשין, וועגען וואָס מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, האָבען זיך געמאָלדען 210 פערזאָן, וועלכע רוקען אַרויס תביעות צו דער ירושה. די גרעסטע אויסזיכטען האָט אָבער דער זקן בריכטא און זיינע זיהן. דער הויפּט־יורש אַליין האָט ערקלערט, דאָס פאַר איהם וועט זיין גאַנץ גענוג 2000 קראָנען, כדי איבערצולעבען אין צופרידענהייט זיינע איבערגעבליבענע יאָהרען.

„פערבאנד פון פארטשריט-ליכע יודען"

פראָג (י.ט.א.) דאָ איז געגרינדעט געוואָרען „אַ פערבאַנד פון פאָרטשריטליכע יודען", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַנ'אויפגאַבע צו בעלעבען דאָס יודישע רעליגיעזע לעבען אין דער קהלה אין אַ פאָרטשריטליכען גייסט.

די נייע גרופּע געפינט זיך אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע צו דער איצטיגער קהלה־לייטונג און גרייט זיך צו בעטייליגען אין וואַהל־קאַמף בעת די קהלה־וואַהלען.

שנעלע ענטוויקלונג פון בערלינער יוד. קרעדיט-פעראיין

בערלין, (י.ט.א.) דאָ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען די בעריכטס־פערזאַמלונג פון „יודישען קרעדיט־פעראיין" אין בערלין, וואָס האָט אָנגעהויבען זיין טעטיגקייט אין יאָהר 1928. אין משך פון בעריכטס־יאָהר האָט דער קרעדיט־פעראיין געגעבען זיינע מיטגלידער דיסקאָנטאָ־קרעדיט אויף אַ סומע פון 400,000 מאַרק און אָפענע קרעדיטען אין דער הויך פון 150,000 מאַרק.

אין משך פון די ערשטע 3 חדשים פון יאָהר 1929 האָט זיך די טעטיגקייט פון קרעדיט־פעראיין כמעט פערדאָפּעלט. דער קרעדיט־פעראיין בעדינט די יודישע מיטעלשטאַנד־קרייזען, וועלכע געניסען פון די קרעדיט־פערלייכטערונגען.

ארבייטער אין קאזאן
מארשירען אין די גאַסען מיט אַנטי=סעמיטישע לידער

מאָסקווע (י.ט.א.) דער מאָסקווער צייטונג „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" ווערט מיטגעטיילט פון קאַזאַן, אַז אויף אַ גאַסען־דעמאָנסטראַציע פון די אָרטיגע פאַבריקס־אַרבייטער זענען געזונגען געוואָרען אַנטיסעמיטישע לידער.

דער קאָמוניסטישער סעקרעטאַר פון קאַזאַנער פאַבריק „קראַסני פּוט" האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאָזונג „בעי זשידאָוו". אויף די פערזאַמלונגען פון די יונגע קאָמוניסטען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פאַבריק האָט מען געריסען די אויפרופען פון „געזערד", איינער פון די אַרבייטער האָט דערביי אָפענטליך ערקלערט: „איך וועל זיך בעסער פערשרייבען פאַר אַ מיטגליד פון אַנ'אָרגאַניזאַציע „בעי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיאו" (שלאָג די יודען, ראַטעוועט רוסלאַנד) איידער פון „געזערד". די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" פאָדערט אָנצונעהמען שטרענגע מיטלען געגען דעם ווילקיר, וואָס הערשט אויף אַ צאָהל פאַבריקען אין קאַזאַן.

אראבער — גנבים פון פאסט=זענדונגען

ירושלים, (י.ט.א.) די ארץ־ישראל־פּאָליציי האָט אַרעסטירט 4 אַראַבער, צווישען זיי 1 פרוי, וואָס ווערען בעשולדיגט אין גנב'ענען אַ רייהע טראַנספּאָרטען פון פּאָסט־זענדונגען און געלד־טשעקען אויף אַ סומע פון עטליכע הונדערט פונט. די גנבה איז געפונען געוואָרען אין הויז פון קריסטליכען אַראַבער מיכעל סווידי, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער באַנדע.

קאמף מיט פעלד-מייז אין די יודישע קאלאניעס
אין סאוויעט=רוסלאנד

מאָסקווע (יט"א) דער „עמעס" טיילט מיט, אַז די יודישע קאָלאָניסטען אין קריוואָראָגער קרייז האָבען איצט אויסצושטעהען אַ שאַרפען קאַמף מיט אַ'אומגעהויערער אינוואַזיע פון פעלד־מייז, וואָס האָבען זיך בעוויזען אויף די פעלדער אין אַ געוואַלדיגער צאָהל און ברענגען פיל שאָדען דער זריעה.

פרייגעשפראָכן 2 מינדעריעהריגע בית-עלמין שענדער.

בערלין (י. ט. א.) דאָס היידעלבורגער יוגענד געריכט האָט בעטראַכט דעם פּראָצעס געגען 2 14 יעהריגע שילער פון דער פאָלקס־שול אין עפּינגען, וועלכע האָבען בעשעדיגט אַ מצבה אויף דעם דאָרטיגען יודישען בית־עלמין.

דאָס געריכט האָט ביידע אָנגעקלאָגטע אַנערקענט פאַר אינטעלעקטועל און מאָראַליש נישט רייף און האָט זיי פרייגעשפּראָכן, איבערגעבענדיג זיי אונטער אַ שוץ־אויפזיכט. דער פּראָקוראָר האָט אַפּעלירט געגען דעם מילדען אורטייל אין קרייז געריכט, וועלכער האָט אָבער בעשטעטיגט דעם פריהערדיגען אורטייל פון יוגענד־געריכט.

די עפענונג פון זומער סע-מעסטער אין בערלינער ראבינער סעמינאר.

בערלין (י. ט. א.) אין היגען ראַבינער־סעמינאַר איז פאָרגעקומען די פייערליכע עפענונג פון זומער־סעמעסטער אין דער אָנוועזענהייט פון פיל געסט. שילער און איינגעלאַדענע געסט. דעם עפענונגס־רעפעראַט האָט געהאַלטען דער פאָרזיצער פון דאָצענטען־קאָלעגיום דר. וואָלגעמוט אויף דער טעמע „משה מענדעלסאָן און דאָס תורה טרייע יודענטום".

די פערזאַמעלטע האָבען וואַרים בעגריסט דעם רב הכולל פון דרום־אַפריקע הרב דר. לאַנדוי, וועלכער איז געקומען צו דער פייערונג.

געשטארבן א בעקאנטער יודישער רעוואלוציאנער

מאָסקווע, 19 (יטא" טעלעגראַפיש). אין קרעמעל־שפּיטאָל איז אין עלטער פון 50 יאָהר געשטאָרבען דער בעקאַנטער יודישער רעוואָלוציאָנער ניקאָלאַי מאַנדעלשטאַם.

מאַנדעלשטאַם איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זייט'ן יאָהר 1904, און איז בעקאַנט געווען אין די צאַרישע צייטען אונטער'ן פּסעוודאָנים „מיכאַיל". זייט'ן יאָהר 1924 איז מאַנדעלשטאַם געווען לייטער פון ביוראָ פאַר אויסלענדישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געשטאָרבען פון אַ ראַק־קראַנקהייט.

קאָנפערענץ פון אמעריקאנער „מזרחי"
די קאַמפס=מעטאדען געגען דעם סעפּאַראַטיזם פון דער אגודה אין א"י

ניו־יאָרק, (יט"א) אין מיטספּורג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען די יעהרליכע קאָנפערענץ פון דער אַמעריקאַנער מזרחי־אָרגאַניזאַציע. נאָכ'ן בעריכט פון דער עקזעקוטיווע האָט זיך ענטוויקעלט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע. אין צענטער פון דער דיסקוסיע איז געשטאַנען די פּראַגע וועגען די קאַמפס־מעטאָדען געגען דער סעפּאַראַטיסטישער פּאָליטיק פון דער „אַגודה" אין ארץ־ישראל, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען אונטער דער פיהרונג פון הרב זאָנענפעלד אַ בעזונדער אָרטאָדאָקסישע קהלה־אָרגאַניזאַציע אויסער די ראַהמען פון „כנסת־ישראל".

דער פאָרזיצער פון יודישען טעאָלאָגישען סעמינאַר אין טשיקאַגאָ, הרב זילבער איז שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען די סעפּאַראַטיסטישע מיטלען. הרב זילבער האָט פאָרגעלעגט, דאָס די קאָנפערענץ זאָל פערעפענטליכען אַ וואָרנונג צו די אַלטע אָרטאָדאָקסישע אינסטיטוציעס און די חלוקה יודען אין ארץ־ישראל, דאָס אויב זיי וועלען אונטערשטיצען די שפּאַלטונג פון די קהלה־אינסטיטוציעס, וועט אָפּגעשטעלט ווערען פאַר זיי די פינאַנציעלע הילף פון אַמעריקאַ. אַ טייל דעלעגאַטען האָבען אונטערשטיצט הרב זילבערס פּאָרשלאַג, אַנדערע אָבער האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען איהם. קיין שום בעשלוס איז וועגען דער פּראַגע נישט אָנגענומען געוואָרען.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ בודזשעט אין דער הויך פון 30,000 דאָלאַר אויף פּראָפּאַגאַנדע און אַדמיניסטראַציע הוצאות. 3000 דאָלאַר איז בעשטימט געוואָרען אַלס סובווענץ פאַר די מזרחי־יסטישע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס. אַלס פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויפסניי אײנשטימיג געוועהלט געוואָרען ה' גדליה בובליק. הרב מאיר בערלין איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס עהרען־פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער מזרחי־אָרגאַניזאַציע.

פארבערייטונגען צו די גרויסע מענדעלסאָן=פייערונגען אין בערלין

בערלין, (י. ט. א.) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 200־יעהריגען געבורטס־טאָג פון גרויסען יודישען פילאָזאָף משה מענדעלסאָן, וואָס פאַלט אויס דעם 6־טען סעפּטעמבער ה. י. גרייט צו די בערלינער יודישע קהלה אַ רייהע פייערונגען.

אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער וועט אין דער פּרייסישער מלוכה־ביבליאָטעק געעפענט ווערען אַ מענדעלסאָן־אויסשטעלונג, אויף וועלכער עס וועלען זיין פערזאַמעלט פערשידענע בילדער, האַנדשריפטען, דרוקזאַכען און אַנדערע אַנדענקען, וואָס האָבען אַ שייכות צו משה מענדעלסאָן און זיין צייט.

שבת, דעם 7. סעפּטעמבער וועלען אין אַלע שוהלען איינגעאָרדענט ווערען געהעריגע גאָטעס־דינסטען מיט דרשות. אויף דעם 6־טען סעפּטעמבער ווערט געפּלאַנט אַ פייערליכע מענדעלסאָן־אַקאַדעמיע, וואָס ווערט אָרגאַניזירט דורך דער קהלה, אין פערשטענדיגונג מיט דער „אַקאַדעמיע פאַר וויסענשאַפט פון יודענטום". אין דער אַקאַדעמיע וועלען זיך אויך בעטייליגען פאָרשטעהער פון דער מלוכה'שער און שטאָטישער מאַכט, ווי אויך אַ רייהע יודישע אָרגאַניזאַציעס און פערזענליכקייטען.

אין די קהלה־שולען וועלען אויך איינגעאָרדנט ווערען מענדעלסאָן־פייערונגען און עס וועלען פערטיילט ווערען צווישען די קינדער ספּעציעלע מענדעלסאָן־ביכער. עס וועט געהאַלטען ווערען אַ ספּעציעלער רעפעראַט וועגען משה מענדעלסאָן דורך ראַדיאָ און אין דעם מלוכה־טעאַטער וועט אויסגעפיהרט ווערען לעסינגס „נאַטאַן דער ווייזע".

די מצבה אויפ'ן קבר פון משה מענדעלסאָן וועט אָפּגעפרישט און דעקאָרירט ווערען.

א יודישער יובילעי אין בודאפעשט

בודאַפּעשט. (י.ט.א.) דאָ איז פאָרגעקומען אַ פייערונג לכבוד דעם 20־יעהריגען יובילעאום פון אונגאַריש־איזראַעליטישען לאַנד־קולטור־פעראיין „אמיקע". אין דער פייערונג האָבען זיך בעטייליגט איינינע רעגירונגס־פאָרשטעהער ווי אויך דער אָבער־בירגערמייסטער פון בודאַפּעשט פראַנץ ריפקא.

די פערזאַמעלטע האָבען אַרויסגעשיקט בעגריסונגס־דעפּעשען צום מלוכה־הויפּט האָרטי און צו לאָרד ראָטערמער. דער פאָרזיצער לעאָ פאָן בודיי־גאָלדבערגער האָט געהאַלטען אַ רעדע אין וועלכער ער האָט אונטערגעשטראָכען, דאָס יודען וועלען קיינמאָל נישט איינשטימען מיט'ן דעגראַדירען זיי צו דער מדרגה פון בירגער פון 2־טער קאַטעגאָריע. געגען די עולות, וואָס ווערען אָפּגעטון לגבי די יודען, געגען דער „נומערוס קלאַוזוס" פּראָטעסטירט דאָס אָנדענקען פון די פיל יודען וואָס האָבען נעבלוטיגט פאַר דער פרייהייט פון אונגאַרן, די 10,000 יודישע קריגס־געפאַלענע פאַר'ן אונגאַרישען פאַטערלאַנד. אָפט פערשוויגען די פערביטערונג און די עולות וואָלט געווען אַ בעליידיגונג פאַר דעם אָנדענקען פון די געפאַלענע.

נאָכדעם האָט גענומען דאָס וואָרט הרב־הכולל ד"ר סימאָן העוועזי, וועלכער איז אַרויס מיט דער איניציאַטיוו צו גרינדען אַ יודישע אַקאַדעמישע היים אין אונגאַרן. הרב העוועזי, ד"ר ווייליער און ד"ר דייטש זענען אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס עהרען־מיטגלידער פון פעראיין.

צום טויט פון ד"ר בערנשטיין-כהן

קישינעוו, (י.ט.א.) די ידיעה וועגען טויט פון ד"ר בערנשטיין־כהן האָט אַרויסגערופען אַ טיפען טרויער אין אַלע טיילען פון דער בעסאַראַבער בעפעלקערונג.

אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז געמאַכט געוואָרען אַנ'הזכרה נאָכ'ן פערשטאָרבענעם. עהנליכע הזכרות זענען אויך פאָרגעקומען אין אַלע טיילען פון רומעניען.

די בעסאַראַבער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט קאָנדאָלענץ־טעלעגראַמען דער פרוי פון פערשטאָרבענעם אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן און ירושלים. דער אופן, ווי אַזוי צו פעראייביגען דאָס אָנדענקען פונ'ם פערשטאָרבענעם, וועט בעטראַכט ווערען איינגיכען דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין הסכם מיט די איבעריגע אנשטאַלטען, וואו ד"ר בערנשטיין־כהן איז געווען טעטיג.

יודישע מיידלעך ווערען איינגעאָרדענט אויף א פאבריק אין קערטש

מאָסקווע, (יט"א) דער בעפולמעכטיגטער פון „קאָמזעט" אין קערטש טעלעגראַפירט, אַז פופציג יודישע מיידלעך פון פערשידענע שטעטלעך אין אוקראַינע וועלען איינגעאָרדענט ווערען אַלס אַרבייטערינס אין קערטש אויף דער דאָרטיגער קאָנסערווען־פאַבריק.

דער בעפולמעכטיגטער פון „קאָמזעט" האָט געשלאָסען אַנ'אָפּמאַך מיט דער אַדמיניסטראַציע פון דער קאָנסערוועןפאַבריק, לויט וועלכען די אָנגעקומענע מיידלעך וועלען בעקומען לערך דריי רובל אַ טאָג.

ה' אהרן בענזשאַמין
בעשטימט אַלס „היאס"=פארשטעהער אין אייראפּא

פּאַריז, (יט"א) אין קורצען ווערט דאָ ערוואַרט דער וויצע־פּרעזידענט פון „היאס" אין די פעראייניגטע שטאַטען ה' אהרן בענזשאַמין, וועלכער קומט קיין אייראָפּע אויפ'ן אָרט פון אייראָפּעאישען „היאס"־פאָרשטעהער ד"ר ווישניצער, ווישניצער? [illegible] וועלכער קעהרט זיך צוריק קיין אַמעריקאַ.

דער נייער היאס־פאָרשטעהער וועט בעזוכען אַ רייהע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, כדי זיך בעקענען מיט די בעדערפענישען פון דער עמיגראַציאָנס טעטיגקייט.

די בעצייאונג
פון די פויליש-דייטשע האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען

ביי דער פעלקער-ליגע עקזיסטירט אַן עקאָנאָמישער קאָמיטעט, אַ מין ווירטשאַפטס-מיניסטעריום פון דער ליגע. דער דאָזיגער קאָמיטעט, וואָס האָט די אויפגאַבע צו רעגולירען די ווירטשאַפטליכע בעציהונג צווישען די לענדער, וואָס געהערען צו דער פעלקער-ליגע, האָט אויך אַלס הילפס-אינסטיטוציע אַן עקאָנאָמישען ראַט, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען ערשט אין 1927 י., בעת דער אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ. סיי אינ'ם קאָמיטעט, סיי אינ'ם ראַט, איז פוילען פערטראָטען דורך איהרע פאָרשטעהער.

אויף דער איצטיגער סעסיע פונ'ם עקאָנאָמישען ראַט, וואָס איז די טעג פאָרגעקומען אין גענף, זענען אַנוועזענד געווען, מצד פוילען — וויצע-מאַרשאַלעק גליוויץ און פּאָפּלאַווסקי. אויף דער זיצונג איז בעהאַנדעלט געוואָרען די אינטערנאַציאָנאַלע ווירטשאַפטליכע סיטואַציע, ס'זענען בעריהרט געוואָרען אַ גאַנצע רייהע ספּעציעלע פראַגען, בפרט די קויהלען-פראַגע א. אַנד.

גאַנץ אייראָפּע לעבט איצט איבער אַ קריזיס, און די בעמיהונגען פון די זאַך-קענער זענען געווענדעט צו דעם, אַז דער קריזיס זאָל וואָס מעהר אָפּגעשוואַכט ווערען, אויב מ'קען איהם איינגאַנצען נישט בייקומען.

צוו. אַנד. איז אַרויסגערוקט געוואָרען די פראַגע וועגען אָפּשאַפען די פערבאָטען פון אימפּאָרט און עקספּאָרט אין פערשידענע לענדער. דאָס פּראָבלעם איז נישט קיין לייכטעס. ביים איצטיגען צושטאַנד פון די ווירטשאַפטען אין די פערשידענע לענדער, שאַפט דאָס אָפּשאַפען פון פערבאָט אויף אים- און עקספּאָרט אַ געוויסע פּריוויי-לעגיע פאַר די אינדוסטריעל-שטאַרקערע מלוכות; בפרט די עקאָנאָמישע קאָנווענץ פון 1927 י., וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען ביים אַנטייל פון עטליכע און דרייסיג מלוכות האָט אָנגענומען געוויסע פאַרבעהאַלטען בנוגע קויהלען לטובת דייטשלאַנד, וועגען בעגרענצונג פון בהמות-עקספּאָרט א. אַ. וו.

די בעשלוסען פון דער קאָנווענץ האָבען געזאָלט ביז סעפּטעמבער ראַטיפיצירט ווערען דורך אַלע מלוכות. ביז היינט זענען זיי ראַטיפיצירט געוואָרען בלויז דורך צוויי, און אויב זיי וועלען נישט ראַטיפיצירט ווערען, ווייניגסטענס דורך 18 מלוכות, וועט פון דעם אָפּמאַך גאָרנישט ווערען. האָבען זיך אַ רייהע מלוכות געווענדעט צו פוילען, אַז זי זאָל ראַטיפיצירען דעם אָפּמאַך, און פון איהר בעציהונג אָפּהענגיג געמאַכט זייער אייגענעם בעשלוס. און דאָ איז עס געקומען, אַז דער ענין פון דייטש-פוילישען האַנדעלס-אָפּמאַך איז צום ערשטען מאָל געקומען צום בעהאַנדלען אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען באָדען, און פוילען האָט פון דעם פּראָפיטירט. דער אומשטאַנד, וואָס די פוילישע ווירטשאַפטס-פּאָליטיק איז פערבונדען מיט דער וועלט-ווירטשאַפט האָט געצוואונגען די קאָנפערענץ זיך צו בעשעפטיגען מיט'ן דאָזיגען ענין.

די אינטערנאַציאָנאַלע ווירטשאַפטליכע קאָנווענץ זעהט פאָר די פּרינציפּיעלע אָפּשאַפונג פון עקס- און אימפּאָרט פערבאָט און זעהט פאָר אַלס איבערגאַנגס-פאָרם אַ רייהע צאָל-אָפּמאַכען. זיי קענען אָבער נישט רעאַליזירט ווערען דורך פוילען כל זמן זי איז נישט געקומען צו קיין אַלגעמיינעם האַנדעלס-אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. און פאַר דער קאָנפערענץ איז דורך דער פוילישער דעלעגאַציע אויפגעקלערט געוואָרען, ווער ס'איז אין דעם ענין שולדיג.

דער דייטשער מיניסטער הערמעס, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט דייטשלאַנד אויף דער קאָנפערענץ, און וועלכער איז דער פאָרזיצער פון דער דייטשער דעלעגאַציע, וואָס פיהרט די אונטערהאַנדלונגען מיט פוילען וועגען דעם דייטש-פוילישען האַנדעלס-אָפּמאַך האָט געפּרובט זיך צו פערענטפערען; די קאָנפערענץ האָט אָבער אויפגענומען די שטעלונג פון פוילען און נאָר אויף אויסדריקליכען פערלאַנג פון דער דייטשער דעלעגאַציע מיט דער הסכמה פון דער פוילישער, נישט אָנגענומען וועגען דעם ענין קיין בעשלוס.

הגם בעשלוסען פון די קאָנפערענצען פונ'ם עקאָנאָמישען ראַט האָבען נישט קיין צוואַנגס-כאַראַקטער, זענען זיי אָבער וויכטיג און מאַסגעבענד נישט נאָר פאַר די אַנטיילנעהמער.

פאַר דער נייער צוזאַמענקונפט פון די פוילישע און דייטשע פאָרשטעהער, וועלכע נעהמען ווייטער אויף די אונטערהאַנדלונגען וועגען דעם דייטש-פוילישען האַנדעלס-אָפּמאַך, וועט די דאָזיגע קאָנפערענץ זיכער האָבען אַ געוויסע השפעה אין דער היניזכט, אַז די אַרבייטען פון אַרום דעם אָפּמאַך וועלען פערשנעלערט ווערען. און דאָס דאַרף בעגריסט ווערען אַלס אַ פּאָזיטיווער מאָמענט.

—ן.

וועלט-קאָנגרעס פון יודישע פרויען אין האַמבורג
דעלעגאַטינס פון 20 לענדער וועלען זיך בעטייליגען

נ י ו - י אָ ר ק, (יט"א) די אַמעריקאַנער יודישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס מאַכען לעבהאַפטע פאָרבערייטונגען צום וועלט-קאָנגרעס פון יודישע פרויען וואָס וועט פאָרקומען, ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, פון 4-טען ביז'ן 6-טען יוני ה. י.

אין האַמבורג, אויף אַן עפענטליכען אַרויסטריט האָט די פּרעזידענטין פון קאָנגרעס, פרוי רבקה קאָהוט ערקלערט, אַז אין קאָנגרעס וועלען זיך בעטייליגען פאָרשטעהערינס פון די יודישע פרויען אין 20 לענדער, בראש פון דער בריטישער דעלעגאַציע וועלען שטעהען די פרויען לילי מאָנטאַגיו און באַזיל העבריקס.

דער קאָנגרעס וועט זיך בעשעפטיגען מיט פאָלגענדע פּראָבלעמען: רעליגיע, ערציהונג, פראַגען פון חתונה און גט אין בעצוג צו דער ציווילער געזעצגעבונג, עקאָנאָמישע פראַגען פון דער יודישער פרוי, יוגענד-פּראָבלעמען, פראַגען פון יתומים און היימלאָזען-פערזאָרגונג און ברעפליכע בילדונג. חוץ דעם וועט זיך דער קאָנגרעס בעשעפטיגען מיט ענינים, וואָס זענען נוגע יודישער פרויען-אַרבייט אין האַנדעל און אינדוסטריע, ווי אויך גלייכבערעכטיגונג פון דער יודישער פרוי אין קהלה-לעבען. אַ ספּעציעלע דיסקוסיע וועט אויפ'ן קאָנגרעס פאָרקומען וועגען ענינים, וואָס זענען נוגע דער קולטורעלער אַרבייט, אין ארץ-ישראל.

אויף דעם האַמבורגער קאָנגרעס וועט ענדגילטיג בעשלאָסען ווערען די שאַפונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער ליגע פון יודישע פרויען. ווי בעקאַנט, איז אַ בעשלוס וועגען דער פראַגע אָנגענומען געוואָרען אויף דער לעצטער קאָנפערענץ פון יודישע פרויען אין ווין. ווי פרוי קאָהוט טיילט מיט, וועט אויף דעם קאָנגרעס בעטראַכט ווערען אויך די פראַגע וועגען דער בעטייליגונג אין דער „יודישער אַגענץ". דעם פראָ-אַגענץ-שטאַנדפּונקט וועט בעגרינדען פרוי נאָרהן לינדהיים, און אַ געוויסע דייטשע דעלעגאַטין, וואָס איהר נאָמען איז נאָך דערווייל נישט בעקאַנט, דעם נעגאַטיווען שטאַנדפּונקט.

ערשטער יודישער קאָלעקטיוו אויף קאַווקאַז געהט אונטער

מ אָ ס ק ו ו ע, (עט"א) דער ערשטער יודישער ערד-קאָלעקטיוו „נאַרעושראַ" אין קאַזאַקסטאַן האַלט איצט ביים אונטערגעהען דערפאַר, ווייל די אָרטיגע ראָרפּס-באַנק האָט זיך ענטזאָגט געבען קרעדיטען די דאָרטיגע יודישע קאָלאָניסטען.

„געלד פאַר יודען? נישט ביי אונז... יודען וועלען שטענדיג קענען בעקומען פאַר זיך געלד..." האָט ערקלערט דער פאָרזיצער פון דאָרפס-באַנק בעת עס איז בעטראַכט געוואָרען די קרעדיט-ביטע פון די יודישע קאָלאָניסטען.

אין דעם קאָלעקטיוו, וואָס האַלט זיך איצט ביים ליקווידירען זענען פעראייניגט 25 אָרימע יודישע פאַמיליעס פון פערשידענע שטעט אין קאַזאַקסטאַן. די ערד אויף וועלכער זיי זיצען איצט, איז זיי נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו בעקומען. צוליב מאַנגעל אין קרעדיטען וועלען זיי איצט די ערד מוזען פערלאָזען און זיך אומקעהרען צוריק אין די שטעט, וואו עס ערוואַרטעט זיי אַבסאָלוטע אַרבייטסלאָזיגקייט.

וועלט-קאָנגרעס פון „וויזאָ" אין ציריך

ל אָ נ ד אָ ן, (יט"א) דער פינפטער וועלט-קאָנגרעס פון דער ציוניסטישער פרויען-אָרגאַניזאַציע („וויזאָ") וועט פאָרקומען אומיטעלבאַר פאַר דעם 16-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, פון דעם 23-טען ביז דעם 28-טען יולי ה. י. אין ציריך. צום קאָנגרעס פון „וויזאָ" ווערען ערוואַרט צאָהלרייכע דעלעגאַטינס פון אייראָפּאַ, אַמעריקאַ און ארץ-ישראל.

24 אַרבייטער פון אַ צוקער-פאַבריק
פער'משפט פאַר אַנטיסעמיטיזם

מ אָ ס ק ו ו ע, (יט"א) דער גרעסטער אַנטיסעמיטישער פּראָצעס, לויט דער צאָהל אָנגעקלאָגטע האָט זיך איצט פאַרענדיגט אין דער שטאָט גלוכאָוו, אוקראַינע. די געריכטס-פערהאַנדלונגען האָבען געדויערט 4 טעג.

24 אַרבייטער און אָנגעשטעלטע פון דער צוקער-פאַבריק אין מיכאַילאָווסק, נעבען גלוכאָוו, זענען פערורטיילט געוואָרען צו פערשידענע טערמינען טורמע, פון צוויי יאָהר ביז 3 מאָנאַטען. די פערורטיילטע זענען בעשולדיגט געוואָרען אין אַ רייהע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען געגען דער קליינער צאָהל יודישע אַרבייטער פון דער פאַבריק, וואו עס אַרבייטען העכער 2000 קריסטליכע אַרבייטער. בעת די געריכטס-פערהאַנדלונגען זענען אויסגעהערט געוואָרען 45 עדות, וועלכע האָבען איבערגעגעבען וועגען די פערפאָלגונגען פון די יודישע אַרבייטער מצד די אַנטיסעמיטען.

קאָמוניסטען ווילען פערשטאַרקען זייער איינפלוס
אין די יודישע קאָלאָניעס

מ אָ ס ק ו ו ע, (יט"א) אין די יודישע קאָמוניסטישע רייהען לאָזט זיך בעמערקען אַ שטאַרקע טענדענץ צו בעקומען אַ גרעסערען איינפלוס איבער די קאָלאָניסטען אין די יודישע קאָלאָניעס.

„קיין איין מינוט אויסער אונזער איינפלוס"— איז דער לאָזונג, וואָס דער מאָסקווער „עמעס" וואַרפט, — שרייבענדיג וועגען דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט אין די יודישע דערפער.

די יעווסעקישע צייטונג ווייזט אָן, אַז אין דעם איצטיגען מאָמענט מוז די פּאָליטיש-אויפקלערונגס-אַרבייט פערצווייגט און פערשטאַרקט ווערען צווישען די יודישע קאָלאָניסטען, ווייל עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שאַרף די רעכטע שטימונגען אין די יודישע קאָלאָניעס ווי איצט".

די ריזיגע אויסשטעלונג אין פּויזען

(פון אונזער ספּעציעלען שליח)

.3

די אויסשטעלונג איז שוין געעפענט. מ'האָט זיך גערוכט אויף זעהר גרויסע פייערליכקייט, בעת דער ערעפנונג. זיי וואָלטען טאַקע אויסגעפאַלען גראַנדיעז, ווען נישט דער רעגען, וואָס האָט אין ערעפנונגס-טאָג נעגאָסען מיט קליינע הפסקות.

די פּרעסע האָט צו דער ערעפנונג קיין איינלאַדונג נישט בעקומען. די פּרעסע-פאָרשטעהער האָט מען אַרומגעפיהרט איבער דער אויסשטעלונג און אַלץ געוויזען מיט עטליכע טעג פריהער. אָבער די פּרעסע-מענשען האָבען זיך אַן עצה געגעבען און געווען אַנוועזענד בעת דער ערעפנונג.

נישט קוקענדיג אויף דער שטאַרק בעגרעניצטער צאָהל איינלאַדונגען זענען דאָך אַנוועזענד געווען עטליכע טויזענד מאַן. מענער אין פראַק און צילינדער, דאַמען אין זיידענע טואַלעטען קלייער און צווישען דער אויסגעפּראַנטעוועטער מאַסע האָבען זיך אַרומגעוואָרפען מאַסען מיליטער-לייט אין גאַלאַ אוניפאָרמען.

אַ הערליך בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער מאָמענט ווען דער מלוכה-פּרעזידענט אין דער בעגלייטונג פון זיין פרוי און כמעט דעם גאַנצען מיניסטאָרען-קאַבינעט האָט איבערגעשניטען דאָס זיידענע באַנד צום אַריינגאַנג פון דער אויסשטעלונג. די רייטער-זעלנער האָבען מיט פאַנפאַרען אָנגעזאָגט דעם פייערליכען מאָמענט און די ראַדיאָ-טראַנסמיסיעס האָבען אָנגעזאָגט גאַנץ פוילען און אויך דער גאַנצער וועלט, אַז די אויסשטעלונג אין פּויזען — דער סך-הכל פון דער אַרבייט אין פוילען אין פערלויף פון 10 יאָהר פון דער צוריקערוואָרבערטער זעלבסטשטענדיגקייט — איז געעפענט.

די עטליכע טויזענד מענשען האָבען זיך נרדפענדיג אַ לאָז געטאָן אין די פערשידענע פּאַוויליאָנען, כדי צו בעזיכטיגען די אויסשטעלונג.

דערביי איז געווען צו בעמערקען אַ זעהר כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג. יעדע גרופּע איז אַוועק אין די ערטער, וועלכע האָבען זיי אַממייסטען און אַמנאָהענטסטען אינטערעסירט. דער מלוכה-פּרעזידענט און די מיניסטאָרען זענען אַוועק אין רעגירונגס-פּאַוויליאָן, אַ גרופּע גלחים אין גלייך אַוועק אין אַן אָרט, וואו ס'זענען אויסגעשטעלט צעהנדליגע קירכען-גלאָקען, וואָס קלינגען אַזוי פּחד'יג און איינטעניג. ווייטער זעהען מיר גרופּקעלעך פון מענשען, וועלכע זענען גלייך אין זייער געזעלשאַפטליכער אַרבייט זוכען די ערטער, וואו עס שפּיגעלט זיך אָפּ די טעטיגקייט אויף דעם געביט, וואָס איז זיי נאָהענט בעקאַנט. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין בעמערק איך וואו די עטליכע צעהנדליג יודען, וואָס מ'זעהט צווישען דער מאַסע זוכען איינער דעם אַנדערען, כדי זיך צוזאַמענהעמען און נעהען צוזאַמען אָנקוקען... וואָס?

איך וואָלט געשוואוירען, אַז יעדער טראַכט ב'ייזיך, אַז עס איז כדאי אָנצוקוקען דאָס וואָס יודען האָבען געשאַפען אין פוילען, כדי אָנצוקוקען די יודישע פּאַוויליאָנען און זעהען צי וועלען מיר זיך נישט פערשעהמען.

און אָט זעה איך שוין די יודען צוזאַמען: רעפּ. ווישליצקי, ד"ר וואולמאַן, אינזש. שאַשקעס, אינזש. טשערניאַקאָוו, דער פּרעזעס פון דער פּויזנער קהלה-ראַט, עטליכע יודישע זשורנאַליסטען, אַלע שטעהען און שושקען זיך עפּיס. די מעשה איז די, אַז ס'האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'האָט נעהייסען אַראָפּנעהמען די יודישע אויפשריפטען אין קיאָסק פון די יודישע קאָאָפּעראַטיווען, צום גליק האָט זיך דער קלאַנג אַרויסגעוויזען אַלס נישט בעגרינדעט און די יודען זענען ווידער אַריין אזוי חיא ווילע אין אַ גוטער שטימונג, כדי מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער ווידער ענטוישט צו ווערען.

מיר ביסעל יודען זענען אַוועק אָנקוקען די „יודישע אויסשטעלונג". און קודם-כל האָבען מיר אַריינגעטראָפען אין קיאָסק פון „טאָז", וועלכער איז אַריינגענומען געוואָרען אין רעגירונגס-פּאַווילאָן. דאָ געפינט זיך טאַקע אַ בעשיירען ווינקעלפאַר דער טעטיקייט פון „טאָז". אין פערלויף פון די לעצטע יאָהרען, אָבער (איך האָב נישט געקענט דערגעהן צוליב וואָס פאַרא סיבה) זעהט מען דאָ נישט קיין איין יודיש וואָרט אויף אויסען. די יודישע ביכער און בראָשורען האָט מען בעהאַלטען אינעווייניג, כדי דאָס אויג פון די בעזוכער זאָלען זיי חלילה נישט דערגרייכען. און גוט וואָס דער מלוכה-פּרעזידענט איז איינגעפאַלען צו נעהמען צום אָנדענקען פון זיין בעזוך אין „טאָז"—קיאָסק — צוויי יאָהר ביכער רוקא אויף יודיש...

מיר זוכען ווייטער עפּיס יודישעס, אָבער וואו, אַ חוץ דעם קיאָסק פון קאָאָפּעראַטיווען-פערבאַנד, וועלכער איז דאָס איינציגע אָרט, וואו יודיש געפינט זיך אין ערגיץ מעהר אויף קיין רפואה נישט פערהאַן די יודישע אַרבייט אין פוילען.

די האַנדווערקער, סוחרים און אינדוסטריע-פּאַוויליאָנען געבען אפילו קיין מינדעסטע אָנדייטונג נישט וועגען דעם יודישען אַנטייל אין אַט די צווייגען פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט, אַן אויסשטעלונג דינט דאָך ס'זאָל צוזאַמענגענומען אַלץ וואָס איז אויפגעטון געוואָרען אויף דעם אָדער אַנדערען געביט און דאָס ווייזען. פאַר די, וועלכע האָבען דאָס נישט געוואוסט, אָדער ווייניג וועגען דעם געוואוסט.

און ווער וועט דען דערצעהלען די מיליאָנען בעזוכער פון דער אויסשטעלונג — אינלענדער און אויסלענדער וועגען דעם גראַנדיעזען אַנטייל פון די יודען אין האַנדווערק, האַנדעל און אינדוסטריע, אין בעפּרייטען פוילען? וואו נאָך וועט זיין אַזאַ געלעגענהייט אָפּצושלאָגען אַלע אָנגריפען אויף יודען אַז זיי אַרבייטען נישט אין דער לאַנדווירטשאַפט, אַז זיי פערנעהמען זיך נישט מיט מלאכה. ווייסען מיר דאָך פון די בעריכטען פון „אָרט" וויפיל יודישע פּויערים מיט מוסטערהאַפטע לאַנדווירטשאַפטען אין פוילען מיר האָבען. ווייסען מיר דאָך וועגען די יודישע „סאַראָווניקעס" (גערטנער-צוכט) וואָס זענען אפשר אין דער מעהרהייט אין פּוילען, ווייסען מיר דאָך, אַז יודען פערנעהמען זיך פיל מיט גערטנעריי. ווייסען מיר דאָך, אַז די יודישע אונטערנעהמער, למשל זענען די בעסטע אין פוילען, אַז יודישער האָניג איז דער בעסטער אין פוילען. ווייסען מיר דאָך מיט וואָס פאַרא טעמפּאָ עס איז די לעצטע צייט צוגעגאַנגען דער פּראָדוקטיווירונגס-פּראָצעס פון די יודישע מאַסען, פון דעם אַלעם איז קיין אָנצייכעניש נישט פערהאַן אויף דער אויסשטעלונג.

און דאָך איז ד' אַלץ אַזוי גראַנדיעז, שעהן און אינטערעסאַנט, אַז דאָס אויג פון בעזוכער וועט אפילו נישט בעוויזען זיך אָפּצושטעלען אויף דעם בלויז, פערשטעהט זיך פון יודישען שטאַנדפּונקט.

די אויסשטעלונג איז שוין אָפען. ס'קומען שוין טויזענטער מענשען צו בעזוכען און בעוואונדערען די אַרבייט פון דעם בעפּרייטען פאָלק אויף דער בעפּרייטער ערד. עס זענען שוין טעטיג אַלע פערוואַלטונגס-ערטער, עס זענען שוין איבערפול אַלע רעסטאָראַנען און ס'הערט זיך שוין אַ נעמיש פון שפּראַכען, וועלכע לויבען אַלע אָהן אויסנאַהם דעם פּערנעהם פון דער אויסשטעלונג.

ש. פּ—ן.

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

20 מאנטאג — י' אייר תרפ"ט

מאי

זון-אויפגאנג 3.38
זון-אונטערגאנג 7.27

זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג

ראנערשטאג ביינאכט איז פארגעקומען א זי־צונג פון דער קהלה־פערוואלטונג. ביים אנהויב פון דער זיצונג זענען אריינגעטראגן געווארען צוויי דרינגענדע פארשלאגן, וואס יעדער פון זיי איז געווען אונטערגעשריבען פון 4 פערוואלטונגס־מיט־גלידער. דער ערשטער פארשלאג איז אונטערגעשרי־בען געווען פון די פרנסים: מינצבערג, בערגער, וואידיסלאווסקי און זאמערפעלד, אינ'ם פארשלאג ווערט פערלאנגט די קהלה זאל בעשטימען 4 נישט־עטאטאווע מורי־הוראות אלס עטאטאווע.

דער צווייטער פארשלאג איז אונטערגעשרי־בען געווארען פון די פרנסים: ווייצמאן, האפמאן, רוס און בושעושינסקי. אינ'ם פארשלאג ווערט פער־לאנגט באלד צו ארגאניזירען א דרינגענדע הילף פאר דער ארימער יודישער בעפעלקערונג, בפרט אין באלוט.

נאכדעם, ווי דער טאג־ארדנונג ווערט בעשטעטיגט, פרעגט אן פרנס פליוואצקי, צי ווייסט די פערוואלטונג, אז

ס'איז געשלאסען געווארען דעם רב'ס תלמוד-תורה

ווייל ס'איז נישט געווען מיט וואס אויסצו־צאהלען די מלמדים.

פרעזעס מינצבערג ענטפערט דערויף, אז פאר די אינסטיטוציעס ווערען איצט אויסגעצאהלט די פולע סובסידיעס, און אויב די ת"ת האט נאך די סובסידיע נישט דערהאלטען, קען זי עס איצט אפ־נעהמען.

ווייטער איז בעטראכט געווארען די ווענדונג פון דער אלמנה לאנגלעבען וועגען בעשטימען איהר עמעריטור, ס'איז בעשלאסען געווארען צו בעשטי־מען 25 פראצ. פון דער שכירות, נעהמענדיג אין אכט, אז דער פערשטארבענער איז געווען קהלה־בעאמטער א קורצע צייט.

עס ווערט גענומען צו קענטעניש די מיטיילונג פון מיניסטעריום, אז ס'זענען בעשטעטיגט געווארען די 5 און 6 ליסטעס פון עטאט און, אז דאס מיניסטעריום האט בעשטעטיגט אויף דער פסח־אקציע פון יאהר 1928. די פאקטישע אויסגע־בענע סומע (69,000 זל.)

די ווענדונג פון יתומים־הויז, פולנאצנא 39, וועגען אויסצאהלען פאר אויסהאלטען די קינדער פון דער קהלה איז בעשלאסען געווארען נישט נאכצוקומען, כיוו דאס יתומים־הויז וועט נישט שלי־סען קיין אפמאך מיט דער קהלה־פערוואלטונג.

א וכוח האט ארויסגערופען דער בעריכט פון פרנס בערגער וועגען דער

קאנפליקט אין דער אלטשטעטישער שוהל

וועגען דער חזנות־פראגע. וויצע־פרעזעס בערגער בעריכטעט, אז דער קאנפליקט האט זיך אזוי פער־שארפט אויף אזא אופן, אז דער פארזיצער פון דער פערוואלטונג האט אויפגעלעז'ט דעם שול־קא־מיטעט. נאך א לאנגען וכוח איז בעשלאסען גע־ווארען איבערצוגעבען דעם פרעזידיום צוזאמען מיט דער שול־קאמיסיע צו ערלעדיגען דעם ענין, עווענ־טועל צו שאפען א נייעם שול־קאמיטעט.

ס'ווערט בעשלאסען איינצופיהרען די אינסטי־טוציע פון „אפיקורסים" און נאכדעם, ווי ס'איז בעשטעטיגט געווארען דער בעריכט פון דער קאמיס־יע פאר סאציאלער הילף, וועלכע האט פאר מאי ארויסגעגעבען 9045 זל. איז מען צוגעטרעטען צו דער פראגע וועגען די

מורה-הוראות

פרעזעס מינצבערג האט אנגעוויזען, אז פאר'ן קריג האט לאדז געהאט 14 מורה הוראות, איצט בע־שטעהט דער ראבינאט פון 6 עטאטאווע, פון וועל־כע 2 זענען נישט געזונט. ער לעגט דעריבער פאר זיך ווענדען צו דער אויפזיכטס־מאכט אז 4 נישט עטאטאווע מורה הוראות, די רבנים: הארצשטארק, ראזענשטיין, הילמאן און שמואל קנאפף, זאלען פונ'ם ערשטען יוני בעשטימט ווערען צייטווייליג אלס עטאטאווע מורה הוראות מיט א געהאלט פון 600 זל. א חודש. פרנס רוס האלט, אז פאר די רבנים דארף פערעפענטליכט ווערען א קאנקורס און ווען זיין פארשלאג ווערט נישט אנגענומען, פער־לאזט ער די זיצונג. דער פארשלאג פון פרעזעס מינצבערג ווערט דאן אנגענומען (די לינקע זענען אויף דער זיצונג נישט געווען אנוועזענד).

צום סוף איז בעטראכט געווארען דער פאר־שלאג פון די פרנסים ווייצמאן־האפמאן וועגען

דרינגענדער הילף פאר דער ארימער בעפעלקערונג

ס'איז אנגענומען געווארען אין פרינציפ צו אסיגנירען 35,000 זל. אויף צו פערטיילען פראדוק־טען מיט נאטור. גענוי וועט דער ענין בעטראכט ווערען אויף דער נאהנסטער זיצונג.

מיטינג פון יודישע טעקסטיל-ארבייטער

וועגען די רעדוקציעס און ארבייטסלאזיגקייט אין טעקסטיל-אינדוסטרי

נעכטען איז אין לאקאל פון קולטור־ליגע בושעושינער 23 פארגעקומען א מיטינג פון יודישע טעקסטיל־ארבייטער וועגען דער פאליטישער סיטו־אציע און ווירטשאפטליכען קריזיס.

מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען דער פאר־זיצער פון דער יודישער אפטיילונג פון טעקסטיל־פעראיין פרנס פערגאמענט און דער סעקרעטאר ראטמ. מארגענטאל.

צום סוף פון מיטינג האט דער גרויסער פער־זאמעלטער עולם אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער ס'ווערט געזאגט, אז דער קריזיס וואס האט זיך אנגעהויבען מיט א געוויסער צייט צוריק, נעמט לעצטענס אן דעם כאראקטער פון א קאטאסטראפע, ס'קומען פאר מאסענהאפטע רע־דוקציעס פון ארבייטער און ארבייטס־טעג; טויזענ־דער ארבייטער ווערען ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס, דער קריזיס איז נישט קיין רעזולטאט פון א פער־שטאפונג פונ'ם געברויכטס־מארק און איבערפראָ־דוקציע, נאר פון דער שלעכטער פאליטיק פון דער רעגירונג, וואס איז געגאנגען אין דער ריכטונג פון פעראָרימען די גרעסטע פאלקס־מאסען פון שטאט און דארף מאכענדיג אזוי ארום א תל פון דעם אי־נערליכען מארק, די רעגירונג האט ביז איצט נישט אנגענומען קיין שום שריט אין דער ריכטונג פון לינדערען דעם קריזיס נאר פונקט להיפך, האט מיט איהר פלאנלאזער פאליטיק נאכמעהר פער־שארפט דעם קריזיס. די פערזאמעלטע פאדערען 1) די רעגירונג זאל ארויסגעבען געהעריגע קרעדיטען אויף עפענטליכע ארבייט מיט'ן צוועק צו בעשעפ־טיגען די ארבייטסלאזע; 2) אלע ארבייטסלאזע, וואס קענען קיין בעשעפטיגונג נישט בעקומען — ארויס־געבען געהעריגע אונטערשטיצונג; 3) די רעגירונג זאל אין זין פון אנגענומענעם סיים־בעשלוס, פער־ברייטערען די אונטערשטיצונגס־אקציע פאר יו־גענטליכע אזוי אויך פאר אלע ארבייטסלאזע וואס ארבייטען אין ווערקשטעלען וויניגער פון 6 ארבייטער; 4) אבשטעלען דאס הערבערען פון דירה־געלד; 5) אבשטעלען די עקסמיסיעס.

צוזאמענפאהר פון לאקאטארן-פעראיינען

(—) אין זאל פון לאדזער שטאט־ראט האט זיך נעכטען געעפענט דער אלפוילישער צוזאמענ־פאהר פון די לאקאטארען־פעראיינען.

צום צוזאמענפאהר זענען געקומען רעלעגא־טען פון עטליכע און צוואנציג שטעט מיט די אנגע־זעהענסטע טוער אויפ'ן געביט פון לאקאטארען־שוץ, בראש.

10 א זייגער אינדערפריה איז דער צוזאמענ־פאהר געעפענט געווארען דורכ'ן פארזיצענדער פון לאדזער לאקאטארען־פעראיין ד"ר מיעזשינסקי, וועלכער האט אנגעוויזען אויף דעם קאמף פון די פעראיינען צו בעשיצען די לאקאטארען און אויף די נייע אויפגאבען, וואס שטעהען פאר די דערמאהנ־טע פעראיינען אפצושלאגען דעם נייעם פראיעקט וועגען העכערען דאס דירה־געלד א. אז. וו.

אין נאמען פון דער וואיעוואדשאפט האט דעם צוזאמענפאהר בעגריסט דער לייטער טימיניעצקי, אין נאמען פון דער שטאט־פערוואלטונג — וויצע־פרעזי־דענט ראפאלסקי. ווייטער האבען בעגריסט רעפ. קאוואלסקי (פ.פ.ס.) און רעפ. צערבע (רייטשע אר־בייטס־פארטיי) אין פרעזידיום זענען דאן געוועהלט געווארען פארזיצענדער ה' סאצאנסקי (לעמבערג), ד"ר גליקסמאן (ביליץ) און יאן האנעמאן (לאדז), דער פרעזעס פון דער לאקאטארען־צענטראלע לעוו־קאוויטש (ווארשא) גיט דאן אפ א בעריכט פון דער טעטיגקייט פון דער צענטראלע און רעפערירט דעם נייעם סטאטוט פון די לאקאטארען־פעראיינען.

נאך דעם רעפעראט ענטוויקעלט זיך א לעב־האפטע דיסקוסיע, וועלכע פערציהט זיך איבער דער גאנצער פארמיטאג־זיצונג. צום סוף ווערט אויסגע־דריקט אנערקענונג דער צענטראלע. היינט וועלען די דעלעגאטען בעזיכטיגען די וואוין־הייזער פון „לאקאטאר" אין כאיני און די ארבייטער־הייזער פון מאגי־סטראט אויף קאנסטאנטינער פאלעסיע, נאכדעם וועלען פארקומען די ווייטערדיגע רעפעראטען און דיסקוסיעס.

פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

היינט, מאנטאג אוונד, קומט פאר אין לא־קאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א וויכ־טיגע בעראטונג פון אנגעזעהענע ציוניסטישע עסקנים אין דער שטאט, אין צוזאמענהאנג מיט דעם בעפארשטעהענדען ציוניסטישען קאנגרעס. דער ציוניסטישער קאמיטעט האט צו דער בערא־טונג ארויסגעשיקט ספעציעלע איינלאדונגען.

היינט פערזאמלונג פון פריזיער-מייסטער

(—) היינט, 7 אין אווענד קומט פאר אן־אלגע־מיינע פערזאמלונג פון די פריזיר־מייסטער (אין זייער לאקאל, אויף פאלודניאווא 4) אין צוזאמענהאנג מיט'ן שטרייק פון די פריזיר־ארבייטער.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראנקהייטען. ספעציעל פאר לונגען־און הארץ־קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע אין דער היים פון 3—5 נאכמיטאג.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ.

וויל קאמען אונזער גרויסער גאסט!

די פרעמיערשע פון ניו־יארקער בן־עמי'ס קונסט־טעאטער און פון פעטערבורגער ניעזלאבין און בערלינער מאקס ריינהארד'ס טעאטערס

לידיא פאטאצקא

היינט, מאנטאג, דעם 20־טען און מיטוואך, דעם 22־טען מאי ד. י., 9 א זייגער אין אוונד

פרעמיערע! צום 1־טען מאל אין לאדז דאס גרויסע ענגלישע ווערק, וועלכעס האט געהאט דעם גרעסטען ערפאלג אויף די גרעסטע איירעפעאישע ביהנעס

„ליבע און ליידענשאפט" (ראמאן)

אין 3 אקטען מיט פראלאג און עפילאג פון שעלדאן.

הויפט־ראל „קאוואליני" (איטאליענישע זינגערין) — לידיא פאטאצקא.

מארגן, דינסטאג, ד. 21־טען, 9 אוונד צום לעצטען מאל אנשעל שאר'ס אויפפיהרונג

זיין יודיש מיידעל

אין 3 אקטען פון לעש, מוזיק: ש. סעקונדע.

ס'נעמט אנטייל (לויט א. ב.) פרויען: בעזמאן, באריסאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קארעני, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאסקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמיניסטראטאר: מ. ארנוואלד. מוזיקאלישער לייטער: ל. זעלמאן.

בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען שוין צו בעקומען ביי דער קאסע.

טאג-נאטיצען

וואו איז יושר?

בהנם אייער ארבייט ליבע יודען, מתפללים פון דער היגער גרויסער אלטשטאטישער שוהל; אומזיסט זייט איהר מהריס עולמות און ברענגט נאך צו לייטישע געלעכטער, די תקיפות וואס יעדער צד פון אייך ווייזט ארויס וועלען געהן לאיבוד.

וואס איז? אייך ווילט זיך א חזן? דער אל־טער חזן ר' גרשון יאסעלעוויץ ז"ל איז געשטאר־בען, ווילט איהר א נייעם חזן?

וואלט דאס אפשר גארנישט געווען קיין עולה, מהיכי תיתי, דער אלטער איז געשטארבען דארף מען א נייעם, דור הולך, ודור בא. נאר איך קאן אייך ערב זיין, אז איהר וועט אזוי גיך קיין חזן נישט קריגען, ווייל יעדער חזן וועמען איהר וועט וועלען נעמען, וועט ביי איהם אבפא־לען דער חשק אנצוקומען צו אייך, אז ער וועט נאר דערהערען, ווי אזוי איהר בעהאנדעלט דעם פערשטארבענעם חזנ'ס, פערבליבענע, קליינע פא־מיליע... אז איהר לאזט די אלמנה, מיט איהרע צוויי יתומים, אויסגעהן פון נויט.

היתכן, — וועט דער נייער חזן־קאנדידאט זאגען, ווי אזוי קאן מען אננעהמען אזא חזנות־שטעלע, אז נאכדעם ווי אזא לייטישער חזן איז דא אפגעוועזען אזוי פיל יאהרען און נאך זיין טויט, זארגט קיינער נישט פאר דער אלמנה, פאר איהר ארימער עקזיסטענץ? ניין ביי אזא קהלה, קאן מען קיין חזנות־שטעלע נישט אננעהמען, וואו איז עפעס יושר?

און ס'איז ביי מיר ברא כחמה, אז יעדער אנשטענדיגער חזן, מוז אזוי זאגען, און קיין חזן וועט ביי אייך נישט אנקומען, ביז איהר וועט נישט פערזארגען די אלמנה פון פערשטארבענעם חזן!

שר של אש.

פאבאר פון יאהרגאנג 1908

מארגען, דינסטאג שטעלען זיך צו דער פאבאר־קאמיסיע נומער 1 (פאמארסקא 18) די מאנספער־שוינען פון יאהרגאנג 1908, וואס וואוינען אין 3־טען קאמיסאריאט מיט די פאמיליען־נעמען אויף

S ביז Sy

פאבאר־קאמיסיע נומער 2 (אנראדאווא 34) דער יאהרגאנג 1908 פון 4־טען קאמיסאריאט מיט די פאמיליען־נעמען אויף

U. W. Z.

פאבאר־קאמיסיע נומער 3 (זאקאנטנא 82) דער יאהרגאנג 1907 מיט קאטעגאריע „B" פון יאהר 1928 פון 7־טען קאמיסאריאט מיט די פאמיליען־נעמען אויף די בוכשטאבען

L. Ł. M. N.

פערד-איבערזיכט

(מ) מארגען, דינסטאג, דארף מען צושטעלען אויפ'ן האלער־פלאץ אלע פערד, וועמענס בעזיצער עס וואוינען אין 14 קאמיסאריאט און זייערע פא־מיליען־נעמען הויבען זיך אן אויף

A. B, C, D, E, F, G, H, I, J, K, L, Ł.

Dr. med. STUPEL

.12 Szkolna 12.

ספעציאליסט פאר מויל־, האר און ווענערישע קראנקהייטען אינגער־שוואכע, לישיי און ראש, רענטגען־שטראהלען און קווארץ־ליכט, עלעקטרא־טעראפיע.

נעהמט אן פון 6 ביז 9 אין אווענד.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערן־, נאז־, האלז־ און לונגען־קראנקה.

קאנסטאנטינער 9, טעל. 27-81.

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. בעהאנדלונג אויך אין לעטשניצע, נאווראט 17 פון 11—10 און פון 3—5

יודען! פערשאַפט אייך וואהל=רעכט צום ציוניסטישען קאָנגרעס!

קויפט אויס דעם שקל!

שקלים קאָן מען צוו. אנד. בעקומען אין פאלגענדע ערטער:

1) ציוניסטיש ביוראָ (צעגעלניאַנאַ 4), 2) „התאחדות" (שענקעוויטש 3/5), 3) „פועלי=ציון" (פיעטרקאָווער 83), 4) „צעירי מזרחי" (קילינסקי 44), 5) „וויזאָ" (על. קאָשטשושקי 21), 6) אַדמיניסטראַציע „נייער פאלקסבלאַט" (פיעטריקאָווער 21), 7) אַדמיניסטראַציע „לאָדזער טאָגעבלאַט" (פיעטריקאָווער 16), 8) פירמע מ. ח. גורין (נאָוואָמיעסקאַ 15), 9) ש. פיינער (זגערסקאַ 28), 10) קאָווינאַרניע ה. הערשקאָפּף (פּאָלודניאָוואַ 8), 11) א. פייקאָוו (נאָווראָט 2), 12) צוקערניע ה. קאַראַ (6 שערפּיצן 30), 13) י. צווייגענבוים (גלובנאַ 61), 14 מ. זאַרעק — „בני=ציון" (רזשגאָווסקאַ 18).

פעראייניגטער שקל=קאָמיטעט אין לאָדז.

7365

אַלע בעלי=חובות

פון מ. וו. שטערנפעלד

פּאָלנאַצנאַ 4

ווערען געבעטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו קומען דינסטאַג, דעם 21־טען מאַי ד. י. 8 זייגער אָוועגד צו דער פירמע ל. ב. פעפער וו ס כ אָ ד נ י אַ 42 (צו ווענדען זיך צו ה' דוד פעפער) כדי געמיינזאַם פאָרצונעהמען ווייטערדיגע שריט.

מיט אַכטונג ד. פעפער

פייערליכע ערעפנונג פון שניידער=צעך

(—) נעכטען אין אָווענד איז אין נייעם ענגלישען זאַל פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון יודישען שניידער־צעך אין לאָדז.

צו דער פייערונג זענען געקומען פאָרשטעהער פון די היגע האַנדווערקער־פעראיינען, פון דער יודישער קהלה, פון דער קריסטליכער האַנדווערקער רעסורסע און די פעראיינס־מיטגלידער.

די פייערונג ווערט געעפענט דורך אַ רעפילאַרע פון די 10 האַנדווערקער־פעהנער. נאָכדעם ווערט בעעהרט מיט אויפשטעהן פון די ערטער דאָס אָנדענקען פון די פערשטאָרבענע מיטגלידער פון געוו. שניידער־מייסטער־פעראיין.

די ערעפנונגס־רעדע האַלט ד"ר לוקאַשעוויטש אין נאָמען פון דער האַנדעלס־ און אינדוסטריע־אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט. ער ווייזט אָן אויף די אויפגאַבען פון צעך און ווינשט ערפאָלג אין דער אַרבייט.

עס קומען ראַן פאַר די וואַהלען, אַרום וועלכע עס שפּילט זיך אָפּ אַ העפטיגער קאַמף צווישען צוויי צדדים.

אין רעזולטאַט ווערט געוועהלט אַלס עלטסטער פון צעך א. גלאַסען, אַלס אונטער־עלטסטע די ה"ה: מ. צאַריסקי, אַ. גלאַטמאַן און ח. בעסער.

אין דער פערוואַלטונג ווערען געוועהלט די ה"ה: מ. הערשקאָוויטש, ש. קאָטשקאַ, א. מאררקעוויטש, ח. וואַלדמאַן, ש. קאָזאַנאָווסקי, ו. ראָזענבלאַט און ג. וואַלקאָוויטש.

פערטרעטער: א. קויאַווסקי, ו. רודניצקי און מ. הייסאַן.

רעוויזיר־קאָמיסיע: ב. קאַזימיערסקי, מ. גורט און ל. גרויבאָווסקי.

שידעס־געריכט: מ. צאַריסקי, א. מאררקיעוויטש און י. אַפּאַטשינסקי.

מענער־סעקציע: א. גלאַטמאַן, א. מאררקעוויטש, מ. הערשקאָוויטש, ח. כודי, ו. רודניצקי און ש. באַנר.

ראַמען־סעקציע: ח. בעסער, א. ראָזענבלאַט, א. קויאַווסקי, ש. ליבערמאַן, ר. פאַצקאַ און ה. צימערמאַן.

אַלס עהרען־מיטגלידער ווערען געוועהלט די ה"ה: מ. צאַריסקי און א. גלאַטמאַן.

צום סוף ווערען געהאַלטען בעגריסונגען. די ערשטע בעגריסען אין נאָמען פון דער רעסורסע — ראַטמ. פּאַלאַשעווסקי; אין נאָמען פון דער קהלה — פרנס אַרוו. ווייצמאַן, ראַטמ. פיין און פאָרשטעהער פון מיזהרערע פעראיינע.

אַ גרופּע מיטגלידער, וועלכע זענען געבליבען ניש צופרידען מיט דער וואַהל פון עלטסטען פון צעך, האָבען דעמאָנסטראַטיוו פערלאָזען די פייערונג און זיך שוין ניט בעטייליגט אין די ווייטערדיגע וואַהלען.

קאָנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל"

אין ענגלישען זאַל האָט זיך נעכטען אַרום 6 אַ זייגער פאַרנאַכט געעפענט די צווייטע לאַנדעס־קאָנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל".

די קאָנפערענץ עפענט פרוי פּאַגעל, וועלכע גיט איבער די געשיכטע און טעטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע.

אַלס „עהרען" פאָרזיצערין פון דער קאָנפערענץ ווערט בעשטימט פרוי זשעניידער פון קראָקאָ.

אַלס בייזיצערינס ווערען איינגעלאַדען די פרויען: שעפער, גוטער, פרל. ראָזענבלום, אָלשטיין, בארנשטיין (קראָקאָ) גאָלדין (זגיערזש) שטאַכמאַן (בעלכאַטאָוו) ראַאָז (בענדין) שאַיעוויטש (פּלאָשקי).

פרוי זשעניידער האַלט אַ וואַרימע בעגריסונג.

פרוי גוטער (לאָדז) בעגריסט און ווייזט אָן, אַז די אָרגאַניזאַציע צעהלט כמעט 10,000 מיטגלידערינס האָט איינגעאָרדענט ביבליאָטעקען, קינדער־היימען, פאַך־קורסען, אָווענט־קורסען, און גרייט זיך צו עפענען אַ יתומים הויז אין לאָדז.

ווייטער בעגריסען דער קהלה־פרעזעס ה' מינצבערג.

ה' עקערמאַן אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „אַגודת ישראל" אין פּוילען.

אין נאָמען פון אַגודת ישראל זאָגט ער צו מיטצוהעלפען די אָרגאַניזאַציעס פון בנות אגודת ישראל אין זייער אַרבייט.

פרנס מענדעלסאָן — אין נאָמען פון לאָדזער „אַגודת ישראל".

ה' פרידענזאָן מעלדעט וועגען עטליכע הונדערט שריפטליכע בעגריסונגען פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס און לעזט פאָר איינגע וויכטיגע בעגריסונגען. ער בעגריסט אויך אין נאָמען פון רעדאַקציע „בית יעקב".

נאָך אַ פויזע טרעט אַרויס מיט אַ רעפעראַט, וועגען די אויפגאַבען פון „בנות אגודת ישראל", פרוי ראָזענבלום.

די פאָרטזעצונג פון דער קאָנפערענץ קומט פאָר היינט.

די לעצטע טעג פון דער שקל-אַקציע

(קאָמוניקאַט).

לויט אַ מיטיילונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, דאַרף דעם 25. ה. ח. (ביז זונטאָג) שוין פערענדיגט ווערען די הייאָהריגע שקל־אַקציע. דער היגער פעראייניגטער שקל־קאָמיטעט האָט דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט אַלע אָרגאַניזאַציעס, גרופּען און ציוניסטישע עסקנים, וועלכע האָבען גענומען שקלים צו פערשפּרייטען, אַז זי זאָלען אָפּגעבען די געזאַמלטע געלדער ביז דער לעצטער וואָך, זייער גאַנצער ענערגיע דער שקלים פערשפּרייטונג, כדי צו פערענדיגען די אַקציע מיט דעם געהעריגען ערפאָלג, ביז צום דערמאָהנטען טערמין דאַרפען אויך אַלע נעלדער פאַר די פערקויפטע שקלים צוזאַמען מיט די תלושים אָבגעליפערט ווערען אין שקל־קאָמיטעט, כדי זיי זאָלען רעכטצייטיג קאָנען איבערגעוויזען ווערען דעם צענטראַלען שקל־פערבאַנד אין וואַרשאַ.

די ערשטע יאָהרצייט פון ד"ר פריבולסקי

(—) צו דער יאָהרצייט און מצבה־ענטהילונג פון דעם יונג־פערשטאָרבענעם בעקאַנטען כלל־טוער ד"ר לאַזאַר פריבולסקי, האָבען זיך נעכטען פערזאַמעלט אויפ'ן בית־עולם די משפּחה פון פערשטאָרבענעם, אַ גרויסע צאָהל מיטגלידער פון „בר־כוכבא", די מיטגלידער פון „הזמיר", פאָרשטעהער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דעפּ. ד"ר ראָזענבלאַט, רעד. אוגער, פערוואַלטונג פון ספּאָרט־פעראיין „הכח" מיט אַ קראַנץ, פיל דאָקטוירים און עטליכע הונדערט פערזאָן פערעהרער און בעקאַנטע פון פערשטאָרבענעם.

דער קאַנטאָר אַלטערמאַן האָט, אין בעגלייטונג פון סינאַגאָגען כאָר, אונטער דער אָנפיהרונג פון דיר. דאַרגושאַנסקי, אָפּגעריכט אַ הזכרה און נאָכדעם ווי דער ברודער פון פערשטאָרבענעם ד"ר יוסף פריבולסקי פון קאָברין, האָט געזאָגט קדיש, האָבען וועגען דער טעטיגקייט פון ד"ר פריבולסקי און דעם פערלוסט וואָס לאָדז האָט געליטען דורך זיין טויט גערעדט: אין נאָמען פון ציונ. קאָמיטעט — רעד. אוגער, פון „בר־כוכבא" — א. קאָן און פון „הזמיר" — י. מ. מאָשקאָוויטש.

צו דער טרויער־פייערונג איז אויך געקומען דער שוואָגער פון פערשטאָרבענעם דער בריסקער וויצע־בירגערמייסטער אַדוו. לעווינסאָן. די פערוואַלטונג פון „בר־כוכבא" האָט אנשטאַט בלומען אויפ'ן קבר פון זייער פערשטאָרבענעם פרעזעס, מנדב געווען אַ גרעסערען בעטראַג אויף קורצוועקען פאַר קראַנקע יודישע טורנער.

בריף אין רעדאַקציע

ג. רעדאַקציע! איך בעט אייך מיר געבען פּלאַץ אין אייער ח' צייטונג פאַר די ווייטערדיגע פעסטשטעלונג, פאַרוואָס איך דאַנק אייך פאָראויס:

אין „נייעם פאָלקסבלאַט" נ. 115 פון נעכטען זונטאָג איז געדרוקט געוועןא בעריכט פון דער קאָנפערענץ פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און פּראָפ. פעראיינען, אין וועלכע ס'ווערט נישט פּינקטליך איבערגעגעבען דעם פערלויף פון דער קאָנפערענץ. איך שטעל פעסט: 1) איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך בין מסכים מיט די אויספיהרונגען פון די רעפערענטען, און אַז איך האַלט, אַז מען קען שליסען קאָאַליציעס. אמת איז דאַגעגען, אַז איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט געגען קאָאַליציעס־פּאָליטיק מיט בורזשואַזע פּאַרטייען און האָב אָנגעוויזען, אַז די אַלע ביז יעצטיגע קאָאַליציעס מיט'ן אויסנאַהם פון דער עסטרייכישער, האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס שעדליכע פאַר דער אַרבייטערשאַפט. דאָס זעלבע ווייזט זיך אויך אַרויס פון דער יעצטיגער קאָאַליציע־פּאָליטיק אין דייטשלאַנד און 2) עס איז אויך נישט ריכטיג, אַז איך בין אַרויסגעטרעטען געגען דער רעזאָלוציע פון די לינקע „פועלי ציון", ווייל איך האָב געהאַלטען, אַז די רעזאָלוציע ווידערשפּרעכט אין איינגע שטעלען דער ערשטער רעזאָלוציע". אמת איז, אַז איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט געגען פאָרשלאַג פון פאָרזיצער קאַלושינסקי אָנצונעמען אויך די רעזאָלוציע פון „פועלי ציון" נישט דערפאַר, ווייל זי האָט זיך אונטערשיידעט פון דער פּעפּעסישער, נאָר פערקעהרט, ווייל זי האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידעט, נאָר איבערגעחזרט די זעלבע געדאַנקען מיט אַנדערע ווערטער, ווי דאָס האָט ענטהאַלטען די ערשטע רעזאָלוציע.

איך האָב דעריבער געהאַלטען, אַז מען קען נישט אָננעמען 2 רעזאָלוציעס פון איין און דעם זעלבען אינהאַלט, אַז אַזוי איז געוועזן דער פערלויף פון דער זאַך און נישט אַנדערש קען אויך דינען אַלס בעווייז דער פאַקט, וואָס די „פועלי ציון" האָבען געשטימט פאַר דער ערשטער רעזאָלוציע און אויף דעם פאָרשלאַג פון רעפּ. צערבע איז ראַטמאַן האָלענדערסקי מסכים געווען די קאָנפערענץ זאָל זיין רעזאָלוציע בלויז נעמען צו קענטניש, מיט וואָס אַלע אַנוועזענדע זענען מסכים געווען.

מיט אַכטונג:

ש. מילמאַן ראַטמאַן פון לאָדזער שטאָדט־ראַט.

מעלדונג

אַפּעל צו דער לאָדזער בעפעלקערונג

מיר ווענדען זיך צו אונזערע געעהרטע קליענטען מיט אַן אַפּעל, דאָס געמעגדיג אין אַכט דעם שטרייק פון די פריזיער־אַרבייטער, צוליב וואָס מיר זענען געצוואונגען אליין צו בעדינען די קליענטען ווי אויך קאָנטראָלעס פון די פריזיער־אַרבייטער גלייך נאָך די ערלויבטע פּאָליציי־שעה'ן און די שטראָפען וואָס זענען דערמיט פערבונדען — בעטען מיר דעריבער צו קומען אין אונזערע פריזיער־אַנשטאַלטען נישט שפּעטער ווי ביז 7 אָוועגד. די פערוואַלטונג פון פריזיער־מייסטער־פעראיין, פּאָלודניאָווא 4.

ספּאָרט=בעוועגונג.

„ל.ט.ס.ג." — „ל.ק.ס." (רעז.) 0:0

נעכטען איז פאָרגעקומען אַ מייסטערשאַפטס־מעטש וועגען דער „אַ" קלאַס צווישען די צוויי שטאַרקע פוסבאָל קלובען „ל.ט.ס.ג." און „ל.ק.ס." (רעז.) פאַר בײדע מאַנשאַפטען האָט דער אויסגאַנג פון נעכטיגען מעטש געהאַט אַ בעדייטונג. „ל.ט.ס.ג." שטרעבט נאָך אַלץ צו נעמען די מייסטערשאַפט פון דער „אַ" קלאַס אין לאָדז, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זי האָט שוין הייאָהר פערשפּילט 2 מעטשען. פאַר „ל.ק.ס.'ן איז „ל.ט.ס.ג." דער שטאַרקסטער געגנער אין דער „אַ" קלאַס.

„ל.ק.ס." איז צום דאָזיגען מעטש אַרויסגעטרעטען פערשטאַרקט מיט מילאַ'ן און קרול'ן. „ל.ט.ס.ג." אָהן בערקמאַנ'ען. דאָס פעהלען פון בערקמאַנ'ען האָט זיך טאַקע אין „ל.ט.ס.ג.'ס" אָנגריף שטאַרק געלאָזט פיהלען, קיין שום אַקציע האָט זיין פערטרעטער נישט געקאָנט אַדורכפיהרען. זעהר שוואַך איז אויך געווען ביי „ל.ט.ס.ג." דער צווייטער פליגעל וועלכער האָט פערלוירען יעדען באַלעם, וואָס ער האָט בעקומען, צוליב דעם האָבען אויך שוואַכער געשפּילט ווי תמיד די איבעריגע שפּילער פון דער שטורם־ליניע. אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם האָט „ל.ט.ס.ג." זעהר פיל איבערגעשטיגען איהר געגנער, וועלכער האָט זיך טעכניש זעהר גוט אויסגעצייכענט.

דער מעטש האָט נישט געהערט צו די אינטערעסאַנטע, דער עולם האָט זיך אַביסעל ענטוישט ווייל יעדער האָט ערוואַרט דעם מעטש צווישען די צוויי מאַנשאַפטען מיט אַ בעזונדערען אינטערעס.

דער רעזולטאַט 0:0 איז פאַר „ל.ט.ס.ג." אַביסעל אַ בעפולה'טער.

ריכטער ה' י. שער — גוט.

„אוניאָן"—„בוזשאַ" (פּאַביאַניץ) 1:1

נעכטען איז אין לאָדז פאָרגעקומען אַ מעטש וועגען דער מייסטערשאַפט פון דער „אַ"־קלאַס אין לאָדז, צווישען דעם היגען „אוניאָן" און פּאַביאַניצער „בוזשאַ" דער מעטש איז געווען זעהר אינטערעסאַנט און האָט זיך פערענדיגט מיט אַ רעמיס־רעזולטאַט 1:1.

„זיעדנאָטשאָנע"—„קראַפט" 1:6 (1:3)

דער דאָזיגער מעטש וועגען דער מייסטערשאַפט פון דער „צע"־קלאַס, האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסען נצחון פון שטאַרקען „זיעדנאָטשאָנע" אין רעזולטאַט פון 1:6.

„גייער"—„יוטזשענקאַ" 0:2

וועגען דער מייסטערשאַפט פון דער „צע"־קלאַס, נישט פערדינטע מפּלה פון „יוטזשענקאַ", וועלכע האָט געהאַט אַ שטאַרקע איבערמאַכט.

„סלאָוואַצקי"—„ווידז.=מאַנופאַקטור" 1:2

דער דאָזיגער מעטש וועגען דער מייסטערשאַפט פון דער „צע"־קלאַס, האָט זיך פערענדיגט מיט אַ מפּלה פון דער „ווידז.־מאַנופאַקטור", אין פערהעלטניש פון 1:2.

דאָס איז די ערשטע מפּלה פון דער „ווידז.־מאַנופאַקטור" אין איהרע מייסטערשאַפטס־מעטשען.

„ס.ס.ק.מ." (כאָיני) — „ג.מ.ס." 0:3

אַ פרישע מפּלה פון פאָראַיאָהריגען „אַ"־קלאַסיגען „ג.מ.ס." ביי איהרע מייסטערשאַפטס־מעטשען וועגען דער „ב"־קלאַס, וואָס בעווייזט, אַז „ג.מ.ס." פאַלט, וואָס אַמאָל מעהר.

פּ י ע ט ר ק אָ וו, 19 (טעלעפאָניש)

„קאָנקאָרדיאַ" - „קדימה" (לאָדז) 0:4

היינט איז דאָ פאָרגעקומען אַ פוסבאָל־מעטש, וועגען דער מייסטערשאַפט פון דער „בע" קלאַס צווישען דער היגער „קאָנקאָרדיאַ" און לאָדזער יודישען ספּאָרט־קלוב „קדימה".

דער מעטש איז געפיהרט געוואָרען זעהר שאַרף און טיילווייז ברוטאַל דורך „קאָנקאָרדיאַ" אויף וואָס דער ריכטער האָט בכלל נישט רעאַגירט, דאָס האָט געבראַכט דערצו וואָס „קאָנקאָרדיאַ" האָט אויסגענוצט אַלע מעגליכע מיטלען, אַפילו נישט ערלויבטע געגען די יודישע שפּילער. דער רעזולטאַט 0:4 פאַר „קאָנקאָרדיאַ" ענטשפּרעכט לגמרי נישט דעם גאַנג פון שפּיל. „קדימה" האָט אַפילו נישט אויסגענוצט אַ שטראָף־שטויס. זי האָט אָבער נישט קוקענדיג אויפ'ן כאַראַקטער פון שפּילען אַרויסגעוויזען אַ שעהנער טעכניק.

קלארע דיבורים

וועגן דער פראגע פון יודיש און העברעאיש אין ארץ-ישראל

פון ש. פיעטרושקא

ווי בעקאנט ,איז אין א״י ארוים א ליטעראריש זאמעלהעפט אין יודיש א. נ. „איינס“. דער ראזיגער ארטיקעל וואס איז געדרוקט אינ׳ם זאמעלהעפט האט געמאכט א שטורעם אין דער ציוניסטישער וועלט.

מען טוט א גרויסען פעהלער, וואס רעדענדיג וועגען דער „יודיש־העברעאישער“ פראגע אין ארץ־ישראל ,טיילט מען איהר נישט איין אין צוויי באזונדערע טיילען: אין א „טעארעטישען“ און „פראקטישען.“ דעריבער קומט עס אויס, וואס גאנץ אפט ווערט דא געשאפען דער ריכטיגער בלבול המוחות.

איך וועל מיך בעמיהען שטרענג איינצוטיילען די פראגע אין די צוויי הערמאנטע טיילען, כדי צו ווארפען קלאר ליכט אויף דעם גאנצען ענין.

טעארעטיש איז די פראגע אזוי:

וואסער שפראך וואלט בעסער געווען, אז יודען זאלען רעדען אין ארץ־ישראל, יודיש צי העברעאיש? וועלכע פון די צוויי שפראכען, יודיש און העברעאיש האט מען געדארפט איינפיהרען סיי אלס רייד־שפראך דא אין לאנד ,סיי אין די שולען אלס אונטעררוכטס־שפראך, סיי אלס איינע פון די אפיציעלע דריי שפראכען אין ארץ־ישראל?

איידער מיר ענטפערען אויף דער דאזיגער פראגע ,מוזען מיר צוערשט זי דקלאר מאכען, וואס איז דער טייטש „בעסער“? עס וועגען פערהאן גאנץ אינטעליגענטע מענשען ,וואס פערשטעהען נישט ריכטיג דאס דאזיגע ווארט. ביי זיי איז נאך פערהאן דער בעגריף פון „אבסאלוטען גוטען“, א זאך, וואס איז גוט „אין און פאר־זיך“. א סארט הימלישע גוטסקייט, טארען מיר נישט, חלילה ,מהרהר זיין דערויף, עס איז גוט, און פטור, מיר געהערען נישט צו די דאזיגע „אידעאליסטען“. בנוגע אונזער שפראכען־פראגע זאגען מיר, אז עס איז נישט פערהאן אזא זאך, ווי א שפראך, וואס איז גוט אדער שלעכט „אין־און־פאר זיך“. א שפראך הייסט גוט, ווען די מענשען, ריכטיגער געזאגט, דאס פאלק, וואס רעדט אויף איהר ,קען מיט איהר הילף צום בעסטען זיך ענטוויקלען קולטורעל, גייסטיג, אויסדריקען לייכט און גוט און פערשטענדליך אלץ, וואס עס האט נויטיג, דערהאלטען דורך איהר דעם צוזאמענבונד פון זיינע ברייטע מאסען וכדומה. שלעכט איז א שפראך, ווען עס פעהלען די דאזיגע מעלות, אדער אפילו א בעדייטענדער טייל פון זיי. דעריבער, ווען מיר שטעלען די פראגע: „וועלכע שפראך איז בעסער, העברעאיש צי יודיש?“ מיינען מיר נאטירליך, נישט דא אריינצולאזען זיך אין חקירות, צי דאס ווארט „לחם“ קלינגט שעהנער ווי דאס ווארט „ברויט“ ,און צי די אדער יענע שפראך איז איך־און־פאר זיך ריכטיג, באשר אין העברעאיש איז געשריבען געווארען דער תנ״ך, און אויף יודיש האט אונזער באבע אויסגעוויינט איהר „גאט פון אברהם“. „בעסער“ הייסט פאר אונז, וואס איז בעסער פאר דעם „יודישען פאלק“, לייכטער און בעקוועמער פאר דער ענטוויקלונג פון זיין קולטור, און נישט דווקא פאר דער ענטוויקלונג פון זיין „נאציאנאלער“ קולטור, נאר בכלל פאר זיין קולטורעלען מצב פאר זיין גייסטיגען צושטאנד, פאר דער לייכטקייט און פערשטענדליכקייט, מיט וועלכער דאס פאלק דארף זיך קענען אויסדריקען, פאר דער צונויפהאלטונג פון זיינע מאסען, אט אין דעם בעשטעהט די פראגע: יודיש צי העברעאיש?

איך וויל זיין אפענהארציג און נישט שפילען זיך איז בעהעלטעניש, און דעריבער וויל איך באלד אין אנהויב זאגען, אז העברעאיש פערמאגט א מעלה, וואס יודיש האט נישט ,און נעמליך: העברעאיש ווערט געהאלטען הייליג בערך פון אלע יודען פון דער גאנצער וועלט ,דורך אלע 16 צו 17 מיליאן יודען: תימנער, פערסער, בוכארער, קאווקאזער, און א פשיטא שוין אלע איינפאכע יודען פון פוילען, רוסלאנד, רומעניע, אמעריקא. דאס איז, אהן שום ספק א מעלה, הגם נישט אין אזא גרויסער מאס, ווי מ׳שטעלט זיך אין פלוג פאר. דאס וועל איך שפעטער גענוי ערקלערען. סיי־ווי, א מעלה איז עס־ אבער דערפאר האט העברעאיש אלע חסרונות וואס מיר קענען זיך נאר פארשטעלען פון א שפראך.

ערשטענס ,העברעאיש לעבט נאך נישט דערווייל אלס רייד־שפראך. איך רייד נישט דא וועגען די אלע „איבעריגע“ 16 מיליאן יודען אין די „גלות לענדער“. איך רעד מאקע דא וועגען ארץ־ישראל. אויך דא לעבט נאך נישט דערווייל העברעאיש. אמת, אז פון די 150 טויזענד ארץ־ישראל־יודען וועגען פערהאן א פופציג טויזענד, וואס האבען איצט, נאר וואס, אנגעהויבען רעדען העברעאיש, צווישען זיי צום מערסטען שול־קינדער; עס איז אויך מעגליך, — און איך פערזענליך בין דא מחולק מיט די פאנטאזירענדיגע יודיש־אנהענגער, און איך האלט, אז ווארשיינליך — אין א 50—60 יאהר ארום — וועלען אין ארץ־ישראל אלע יודען רעדען העברעאיש. אבער דאס איז נארנישט. העברעאיש לעבט נישט אלס רייד־שפראך. מען קען נישט א שפראך, אפילו פאר א קליינע צאהל מענשען, נעהמען מיטאמאל אין איין דור און אויפלעבען די לעבעדיגקייט פון א שפראך, איהר לייכטקייט אין אויסדרוקען זיך, די פערשידענע שאטירונגען, פון פאלקס־שפראך, ניואנסען פון אויסדרוק, איז א פראדוקט פון בענוצען זיך מיט איהר דורך דער גאנצער פאלקס־מאסע אין משך פון פיל ,פיל דורות. דאס איז נוגע סיי דעם ווארט־אוצר, סיי דעם זאץ־בוי ,סיי די ספעציעלע זאץ־מיינונגען און בעדייטונגען. עס איז מעגליך, אז אין 150 אדער 200 יאהר ארום, אויב מען וועט כסדר נוצען העברעאיש אלס רייד־שפראך ,וועט אויך העבעראיש ווערען לעבעדיג, אבער דערווייל איז עס נישט, און דעריבער שטעלט זיך די פראגע: צו איז מעגליך אז א פאלק, בפרט נאך א קליין פעלקעלע פון 150 טויזענד נפשות, וואס דארף ערשט שאפען זיך און אויפלעבען זיין רייד־שפראך, זאל קענען גלייכצייטיג זיך ענטוויקלען נארמאל־קולטורעל, גייסטיג, און נישט בלייבען דורכדעם שרעקליך אפגעשטאנען אין יעדער הינזיכט.

איך וועל הערע וגעבען א ביישפיל. לאמיר זיך פארשטעלען, אז מוסאליני, דער דיקטאטאר פון איטאליע, וואס וויל איצט אויפבויען צוריק די אלטע רוימישע אימפעריע ,האט בעשלאסען גלייכצייטיג איינצופיהרען, אז דאס איטאליענישע פאלק זאל צו־ריק אנהויבען רעדען לאטיין. מוסאליני האט אין א שעהנעם פריהמארגען ארויסגעגעבען וועגען דעם אגענטשפרעכענדיגען דעקרעט, געגרינדעט א „גרויס מגיני לאטיין“, געשאפען א נעץ פון מאסען אווענד־קורסען צו לערנען לאטיין, אין די שולען איינגעפיהרט נאר לאטיין, לויט דער מארע „לאט־יד־בלאטיין“. אלע צייטונגען מוזען תיכף ומיד אנהויבען ערשיינען נאר לאטייניש, אלע עפענטליכע רעדעס מוזען גע־האלטען ווערען אויך נאר אויף לאטייניש (מעגליך מיט דער בעריהמטער הנחה פון דער ארבייטער־ארגאניזאציע אין תל־אביב, אז די ערשטע צוויי יאהר „מעג“ מען נוצען אויך איטאליעניש) און אזוי ווייטער. עס איז קיין ספק נישט, אז אין משך פון 25 יאהר וואלט דער גרעסטער טייל אויפוואקסענדיגע שול־קינדער גערעדט לאטיין, א צעבראכענעם, אבער פארט לאטיין, און אין משך פון 100 צו 150 יאהר, ביי דער קאלאסאלער פינאנציעלער שטיצע פון דער רעגירונג — וואלט גאנץ איטאליע גערעדט לאטייניש, און דאס לאטיינישע וואלט דעמאלט געווען לעבעדיג. אבער צי וואלט דאס נישט געבראכט אויף איטאליע די פולשטענדיגסטע צוריקגעשטאנענקייט פון קולטור און גייסטיגער ענטוויקלונג;? צי וואלט דאס נישט געווען דער פולשטענדיגער צואמענברוך פון גאנצען גייסטיגען מצב פון איטאליענישען פאלק? צי קענען מיר זיך רען פארשטעלען די גרייס פון דער גייסטיגער קאטאסטראפע, וואס דאס וואלט געבראכט אויף איטאליע? און מען דארף וויסען ,אז פון איטאליעניש ביז רעדען לאטיין איז טויזענדער מאל נעהנטער און מעגליכער, ווי פון יודיש ביז העברעאיש; עס איז דארט דערזעלבער שפראכווארצעל, קלאנג־עהנליכקייט און זאץ־בוי, אויך לאטיין גילט ביי די קאטוילישע איטאליענער אלס א הייליגע שפראך, אלע תפילות ווערען אין איהר אפגעריכט, און איז די מיטעל־שולען. ווערט דאך שוין אין פערטען קלאס אנגעהויבען צו לערנען די שפראך פון די אלט־רוימער. פונדעסטוועגען וואלט אפילו מוסאליני, וואס וויל דאך אויפלעבען אלע סימנים פון דער גלאנץ־רייכער רוימישער אימפעריע, בעטראכט א א פלאן איבערצוגעהן צו לאטיין אלס משוגעת, אנ׳אומזין. וואס קען נאר דערפיהרען צו גייסטיגער דעגראדאציע פון איטאליענישען פאלק.

דאס איז ערשטענס.

(פארטזעצונג קומט).

צו דער גאנצער יודישער עפענטליכקייט

א בריף פון יודישען ליטעראטען און זשורנאליסטען-קלוב אין ארץ-ישראל

חשובע רעדאקציע!

איהר ווערט געבעטען צו פערעפענטליכען: דער יודישער ליטעראטען און זשורנאליסטען־קלוב אין ארץ־ישראל געפינט פאר זיין חוב צו פראטעסט־רען פאר דער גאנצער יודישער עפענטליכקייט ווי אמשארפסטען געגען די אומדערהערטע טעראריסטישע מעטאדען פון קאמף געגען דעם יודישען ווארט אין ארץ־ישראל, וואס איז דערגאנגען אזוי וויט, אז זיי האבען געצוואונגען דעם „היינט“ אין ווארשא אפצושטעלען אין זיין זשורנאליסטיש - ליטעראריי־שער טעטיגקייט זיין לאנג־יאהריגען מיטארבייטער, דעם בעריהמטען זשורנאליסט און ליטעראט ש. פיעטרושקע, בלויז פאר׳ן חטא פון בעטייליגען זיך אין דער יודיש־ליטעראטישער אויסגאבע „איינס“, וואס אונזער קלוב האט ארויסגעגעבען און בע־שלאסען ווייטער ארויסצוגעבען.

דער עקאנאמישער באיקאט פון א יודישער צייטונג אויף א יודישען שרייבער פאר׳ן חטא פון שרייבען יודיש איז אומדערהערט אין דער געשיכטע פון וועלכער ס׳איז פרעסע.

מיר זענען זיכער, אז דער יודישער לעזער־עולם וועט וויסען צו פראטעסטירען געגען די באזינגע טעראריסטישע קאמפס־מעטאדען פון די העברעאיסטישע פאנאטיקער אין ארץ־ישראל געגען יודישען שרייבער, און וועלען זיך שטעלען אין קאמף פאר דער פרייהייט פון יודישען שריפטשטעלער און פאר׳ן כבוד פון דער יודישער שפראך.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג פון יודישען ליטעראטען־ און זשורנאליסטען־קלוב אין ארץ־ישראל:

פארזיצער: ד״ר נ. ראפאלקעס,
סעקרעטאר: אברהם בליי.

צוזאמענפאהר פון יודישע געזעלשאפטליכע מיטעל-שולען אין פוילען

אין ווארשא איז פארגעקומען דער 9. יעהרליכער צוזאמענפאהר פון „פערבאנד פון יודישע געזעלשאפטליכע מיטעלשולען אין פוילען“. דער צוזאמענפאהר וועמענס בעראטונגען זענען פארגעקומען אונטער פארזיץ פון ד״ר מ. ברוידא, האט אויסגעהערט א גענויען בעריכט וועגען דער טעטיגקייט פון פערבאנד אין לויף פון לעצטען שול־יאהר (בעריכט־ערשטאטער ד״ר א. טארטאקאווער) און דערנאך רעפעראטען וועגען דעם איצטיגען מצב און די פאדערונגען פון די יודישע געזעלשאפטליכע מיטעלשולען (רעפערענט ד״ר מ. ברוידא), וועגען דער רעארגאניזירונג פון אינספעקטאראט פון יודישע למורים און וועגען דעם נייעם לעהר־פראגראם אין די מיטעל־שולען.

אין דער דיסקוסיע, וואס האט זיך ענטוויקעלט, בפרט נאך די ערשטע צוויי רעפעראטע, האבען די דעלעגאטע זיך אפגעשטעלט אויף דער שווערער לאגע, וואס האט זיך געשאפען אין א סך שולען, בעיקר צוליב דער פאסיוויטעט און אויך דער פערארמונג פון די יודישע פאלקס־מאסען און פון דער אנדערער זייט, צוליב דער נעגאטיווער האלטונג פון א טייל פון דער אפיציעלער יודישער נאציאנאלער פארשטעהערשאפט אין לאנד, וואס וויל נישט אנערקענען דעם נאציאנאלען כאראקטער פון די אפראקוויסטישע מיטעל־שולען, אלס די איינציגע אינסטיטוציעס, אויפ׳ן שטח פון נעוועזענעם קאנגרעס פוילען (צום טייל אויך גאליציען), וואס זארגען דורך זייער ברייטען פראגראם פון יודישע למודים פאר א נאציאנאלער ערציהונג פון דער יודישער יוגענד. ס׳איז בעשלאסען געווארען אנצוהייבען, אין דער נאהענטסטער צייט, א ברייטע פראפאגאנדע און אויפקלערונגס־ארבייט צווישען די יודישע פאלקס מאסען און צוציהען צו איהר אלע אנפיהרענדע כוחות אין פוילישען יודענטום, וואס האבען א פער־שטענדניש פאר דעם קולטור־ווערק פון פערבאנד.

ס׳איז אויך גלייכצייטיג בעשלאסען געווארען, זיך צו ווענדען צום מיניסטעריום, וועגען בעשטעטיגען א נייעם לעהר־פראגראם, פאר די מיטעל־שולען, וועלכער זייענדיג באזירט אויף דעם נייעם לעהר־פראגראם פון מיניסטעריום, זאל פארט ענטהאלטען די יודישע למודים אין דעם גישט־פערקלענערטע פארמאט פון היינט.

אין דער נייער פערוואלטונג פון פערבאנד אויסגעקליבען, געווארען די ה״ה: ד״ר ברוידא, (לאדז), הורוויץ (טאמאשאוו), ד״ר הילפשטיין (קראקא), ווײנריב (קיעלץ), ד״ר טארטאקאווער (לאדז), לעווקאוויץ (קאליש), ד״ר מעלאריסטה (סאסנאוויץ) ד״ר סטאראפאלסקי (סובאלק), ענגעלמאן (קאלא), ערסלער (וולאצלאוועק), פאלץ (קוטנע), פעילא (מלאווע), פרענקעל (ראדאם), צערערבוים (מעזריטש) און ד״ר שוויג (לאדז).

דער פערבאנד נעהמט איצט ארום 23 מיטעל־שולע אויפ׳ן שטח פון גאנץ פוילען מיט אנ׳ערך פון 4000 שילער און א יעהרליכען בודושעט פון מעהר ווי צוויי מיליאן זלאטים. —

Dr. H. WOŁKOWYSKI

נאלעװקי... צעגעלניאנא 25, טעל. 26-87

ספעציעל ארצט פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוועכע. אלע ארט אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.

נעמט אן פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 אר

יורידישע עצות

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט“ ענטפערען אויף יורידישע פראגען, וואס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן

יורידישע אפטיילונג פון „נייעם פאלקסבלאט“.

בכדי דערלאנגען אנ׳ענטפער אויף א יורידישע עצה, דארף צוגעלעגט ווערען דער קופאן מיט דער דאטע פון טאג, ווען די אנפראגע ווערט פערגעקומען. אויף אנפראגען אהן קופאן, וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

9194 א טרייער לעזער פון פאלודניאווע 20

דער מאהנער קאן זעלבסטפערשטענדליך צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט פאר געבען אין געריכט פאלשע ערקלערונגען.

9195 א גרופע לאקאטארען פון ברושטשינער 94:

צוליב אנ׳איינמאליגע בעליידיגונג דראהט נאך נישט קיין עקסמיסיע, וועגען די בעציהונגען פון אייער הויזווירט צו די לאקאטארען דארפט איהר זיך פערזענליך ווענדען אין דער רעדאקציע.

9196 .Sz. R פון קאליש:

פרינציפיעל דארף מען אויף הויז־האנדעל (okrężny) האבען אנ׳ערלויבניש (licencja) פון דער איגדוסטריע־מאכט, גלעזער ווערען אויך קוואליפיצירט לויט דער זעלבער בראנזשע.

קוים בעוועגען זיי זיך אויפ׳ן שטח פון 15 קילאמעטער אינערהאלב זייער שטענדיגער וואוינארט, דארפען זיי קיין ערלויבניש נישט האבען.

9197 יאקובאוויטש פון פאלודניאווע:

אזוי ווי די פרעטענציע שטאמט פון 1921 יאהר, איז זי שוין איצט פערעלטערט.

ממילא קאנען די בעלי־בתים אין געריכט זיך פערופען אויפ׳ן דערמאנטען אומשטאנד און אויף דעם סמך זיך בעפרייען פון דער פליכט אייך דעם חוב צו בעצאהלען. מיר ראטען אייך דעריבער געראטען צו רופען דעם בעל־חוב צו אנ׳עהרען־געריכט.

9198 י. ס. פון גייער׳ס מארק.

פרויען, וועלכע זענען יונגער פון 21 יאהר, קאנען עמיגרירען נאר צוזאמען מיט זייערע מענער, עלטערען אדער פולי־עהריגע ברידער און שוועסטער אדער לויט אנ׳אויספאדערונג צו די אויסגערעכענטע גלידער, אין געגענפאל מוזען זיי דערויף האבען אנ׳ערלויבניש פון עמיגראציע־אמט.

דער זעלבער כלל איז אויך נוגע מענער, יונגער פון 18 יאהר.

9199 א געליטענער דורכ׳ן שניידער פון קאנסט. ג. פ.

9200 א. ג. פון פאמארסקא גאס:

9201 זילבערמאן:

9203 א לעזער פון שקאלנע:

וועגען אייערע ענינים דארפט איהר זיך פערשטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט שעגליך פון 3—4 נאכמ. מיטפרענגענדיג די צייטונג.

9204 נח קאפלאן:

אויב ער איז אוועקגעפאהרען לעגאל, קאן נישט זיין קיין רייד וועגען א שטראף.

אריינציהען אין מיליטער וועט מען איהם אויך שוין נישט קענען נישט דארפאר ווייל ער איז עלטער פון 25 יאהר, נאר דערפאר, ווייל ער האט דורך דער צייט בעקומען די אמעריקאנער בירגערשאפט.

9205. .S. K. 28

אויב מען האט אייך געזאגט אין דער סטאראסטווא, אז איהר קאנט פערבייטען די צייטווייליגע וואוינרעכט אויף שטענדיגע האט מען באר נישט געמיינט, אז איהר מוזט זיך בעמיהען דווקא צו בעקומען די פוילישע בירגערשאפט.

אויב איהר ווילט בעקומען שטענדיגע וואוינרעכט, דארפט איהר אויספילען אנ׳ענטשפרעכענדע דעקלאראציע און די דעקלאראציע צוזאמען מיט אנ׳ענטשפרעכענדע בקשה דערלאנגען אין דער וואיעוואודזטווע.

די אקציע קאנט איהר אונטערנעהמען אין משך פון 3 חדשים נאכ׳ן בעקומען די צייטווייליגע וואוינונג־רעכט.

יעדער פון דער משפחה מוז וועגען אזא ערלויבניש זיך בעזונדער בעמיהען.

װעגען דער ערמאָרדונג פון דער אָרימער יודישער שנײדער־משפחה אין אוהנאָװ

מערדער פערמשפּט צום טױט דורך הענגען

דעם 13-טען מאַי 1928 איז די גאַליצישע פּראָװינץ געװאָרען אױפגערודערט מיט אַ שרעקליכען מאָרד, װעלכען מען האָט אױסגעפיהרט איבער דער יודישער משפחה פון דעם שנײדער מרדכי האַנז. עס איז דערמאָרדעט געװאָרען דער שנײדער מרדכי האַנז, זײן פרױ סאַבינאַ און זײער 2-יאָהריג יונגעל נפתלי אין אוהנאָװ.

דעם 13-טען מאַי אין דער פריה האָבען די שכנים אױסגעבראָכען די טיר און בײם אַרײנגאַנג איז אין אַ טײך פון פערגליװערטען בלוט געלעגען טױט דער שנײדער מרדכי האַנז. אין שלאָף־צימער איז אין אײן בעט געלעגען טױט האַנז׳ס װײב און אין אַנדערען בעט זײער צװײ-יאָהריג יונגעלע נפתלי הירץ.

װאָס איז געשעהן?

אױף דער דאָזיגער פראַגע האָט קײנער נישט בעקענט געבען אַ קלאָרע תשובה. צוליב װאָסערע סבות האָט מען אכזריות׳דיג אױסגעמאָרדעט די יודישע שנײדער-פאַמיליע? קײגער האָט נישט געװאוסט.

איז דאָס שטעדטעל געשטאַנען פאַר אַ גרױס רעטעניש.

די פּאָליצײ האָט אָנגעהױבען צו פיהרען די אױספאָרשונג אָבער איהר אַרבײט איז אױף טריט און שריט פערשװערט געװאָרען.

מיט אַ צײט שפּעטער איז צום האָטעל-בעזיצער אין אוהנאָװ, ה׳ משה יודענבערג געקומען אַ געװיסע מאַריאַ קושאַטשקאָװסקאַ און איהם געדראָהט, אַז אױב ער װעט איהר ברודער פערמסר׳ן פאַר דער מאַכט, װעט איהם „בעגיסען די דױטע יוך...

פאַרװאָס האָבען זײ אַקוראַט געדראָהט יודענבערג׳ען?

קאַטשקאָװסקאַ האָט גוט געװאוסט, װאָס זי טוט און דעריבער האָט טאַקע יודענבערג קײן װאָרט נישט אַרױסגערעדט.

אָבער אין אַ געװיסען טאָג האָט ער זיך געװענדעט צום אױספאָרשונגס-ריכטער און צו איהם אַזױ געזאָגט:

„איך קען נישט מעהר... קוקט אָן די צײכענס אױף מײנע הענד און איהר װעט זעהען, אַז איך טאָר מעהר נישט שװײגען. „ער" גיט מיר נישט קײן רוה...

דער ריכטער האָט איהם איבערגעהאַקט די רײד:

דערצעהלט! אין װאָס האַנדעלט עס זיך דאָ אײגענטליך? איך פערשטעה גאָר נישט. װער איז דער ער?...

יודענבערג האָט גענומען דערצעהלען:

„אין דער נאַכט פון 12-טען אױפ׳ן 13. מאַי 1928 האָב איך בײ מיר אין האָטעל געהאַט אַ גאַסט, װעלכער האָט 1 אַ זײגער בײנאַכט געזאָלט אַװעק פאָהרען פון אוהנאָװ מיט דער באַהן. אַרום האַלב 1 האָב איך אײנגעשפּאַנט דעם װאָגען און גענומען גרײטען זיך אָפּצופאָהרען מיט דער באַהן".

„איך װאױן נישט װײט פון מרדכי האַנז׳ס װאױנונג. די נאַכט איז געװען אַ פינסטערע. איך האָב אָנגעצונדען מײן האַנד לאַמטערן. װען איך האָב פערקערעװעט דעם װאָגען הינטערן הײזעל פון האַנז און געבען זײנע פענסטער האָב איך בעמערקט 2 געשטאַלטען. איך האָב זיך גוט צו זײ צוגעקוקט און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז יאַן און זײן שװעסטער מאַריאַ קשאַטשקאָװסקי. זײ האָבען זיך פאַר מיר געפּרובט בעהאַלטען, אָבער איך האָב זײ גוט דערקענט. דאָס איז געװען אין דער צײט, װען דער מאָרד איז געװאָרען אױסגעפיהרט. לכתחילה האָב איך געשװיגען, װײל איך האָב מורא געהאַט, אַז קשאַטשקאָװסקי זאָל מיך נישט דער׳הרג׳ענען. איך האָב אַ װײב מיט פיער אומפערזאָרגטע קינדער און דאַרום איז מיר מײן לעבען טײער געװען. אָבער אין דער לעצטער צײט פלעג מיר קומען צו חלום דער ערמאָרדעטער מרדכי און פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל אױפדעקען דאָס געהײמניש. װען איך האָב איהם ערקלערט, אַז איך האָב מורא, „פלעגט ער זיך אױף מיר װאַרפען, שלאָגען מיך און אָט האָט איהר, ה׳ ריכטער, די צײכענס פון מת׳ס קלעפּ אױף מײן לײב"...

אױפ׳ן יסוד פון יודענבערג׳ס סענסאַציאָנעלע ערקלערונגען האָט דער ריכטער אַרעסטירט יאַן און מאַריאַ קשאַטשקאָװסקאַ. בײ דער רעװיזיע האָט מען בײ זײ געפונען אַ האַק. די זאַכקענער האָבען פעסטגעשטעלט, אַז מיט דער דאָזיגער האַק האָט ער אױסגעפיהרט דעם מאָרד.

אױסער דעם האָט מען בײ איהם אין דער װאױנונג בעגראָבען אונטער דער פּאָדלאָגע געפונען 2 „קרן-קימת" פּושקעס.

דער ריכטער האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פערהערט דעם פערטרױענסמאַן פון קרן קימת אין אוהנאָװ, ה׳ אברהם האַהן, װעלכער האָט פעסטגעשטעלט אױף גרונד פון די נומערען פון די פּושקעס, אַז זײ האָבען געהערט צום דערמאָרדעטען מרדכי האַנז.

מען האָט דעריבער געגען די אַרעסטירטע פערפיהרט אַ פּראָצעס.

אין לעמבערג איז פאָרגעקומען דעם מערדער׳ס פּראָצעס, װאָס האָט געדױערט 5 טעג. שבת איז אַרױסגעטראָגען געװאָרען דער אורטײל, לױט װעלכען יאַן און מאַריאַ קשאַקאָװסקאַ זענען פער׳משפּט געװאָרען צום טױט דורך הענגען.

אונזער יוגענד אַמאָל און הײנט

און איהר בעציהונג צו דער פרױ און מוטער

פערהאַן מנהגים אין לעבען פון דער גע׳על־שאַפט, װאָס הײזען אױס צו זײן פערעלטערט. עס פיהלט זיך אין זײ אַנ׳אָנגעצױגענהײט, אַ מאַניקירט־קײט, אַנ׳אױנטערװאַרפען זיך צום טױטען פעטיש און דאָך איז עס נישט תמיד אַזױ. די אײגענע מנהגים אָנגעװענדעט אױפ׳ן ריכטיגען אָרט און אין געװאױנשענער צײט, װערען פערװאַנדעלט אין אַ טוגענד, אין אַ טאַט פון רײנער מענשליכקײט.

די דאָזיגע הקדמה איז נוגע דער קורטואַזיע װאָס מיר, מאַנסלײט װײזען אַרױס דער פרױ.

מיר טרעטען איהר אָפּ דאָס אָרט בײם פענס־טערל אין פּאָסט, אין באַנק, אין ביוראָ. מיר הױ־בען נאָך אױף דאָס אַראָפּגעפאַלענע טאַשע־טיכעל אַז זי זאָל נישט דאַרפען בױגען זיך און צופיל אָנ־שטרענגען איהר בױגיגען עלאַסטישען קערפער. הקצור, מיר טוען אַלץ זאַכען, װאָס נישט שטענדיג װענען זײ נױטיג און מעהר װי אײן מאָל פעראַטען זײ בלינדע הכנעה. פוסטע פראַנטישקײט און גע־צ׳שקײט אין דער בעציהונג צו דער פרױ. נאָר דעמאָלט װען אונזער בעציהונג צו דער פרױ געהט אַריבער די גרעניץ פון געװעהנליכער העפליכקײט, װען די „בריװקײט" צו דינען" װערט ממש פער־װאַנדעלט אין אַ חסד פאַר דער פרױ, אָ, דעמאָלט, אײלען מיר זיך נישט אַזױ אַרױסצוװײזען אונזער אײ־דעלקײט און אונזער „ריטערליכקײט" פערשטעקט זיך ערג׳יץ אונטער אונזער פעל.

דאָס געזאָגטע בעציהט זיך בעזונדערס צו אונז יודען אַנ׳אַלטע אָריענטאַלישע ראַסע מיט פעסט אײנגעפונדעװעטע געװאױנהײטען, מנהגים און זי־טען, אַ פאָלק, װאָס איז צו ערנסט, כדי צו קע־נען זײן איבערפלעכליך און אױפגעשמירט אין בע־ציהונג צו דער פרױ, אַ פאָלק, װאָס זײן אױפפאַ־סונג פון דער פרױ אַלס מוטער, מענש און װײב, איז אױסקריסטאַליזירט און אױסגעפאָרמט אין זײן קול פון יאָהר טױזענדער און ענדליך אַ פאָלק, װעמענס שפּראַך איז צו פשוט, צו אײנפאַך און אינטים צו קענען בענוצט װערען פאַר פּאָלירטע רעטאָרישע אױפגעבלאָזענקײט פאַר דער בעציהונג פון מאַן **און פרױ**.

..., מיר יודען זענען דאָס קײנמאָל נישט געװאױנט געזען אָבער — דאָ קומט דער גרױ־סער בלײז. דאָס איז אַלץ געװען אַמאָל. הײנט צו טאָג, װען דאָס יודישע לעבען װערט װי אין אַ קאַלײדיסקאָפּ איבערגעביטען און געענדערט און שטעהט נישט אָפּ פון דער מאָדע פון דער צײט און לאַנד. הײנט װען מיר פאַסען זיך צו מיט אַזאַ ברען און איבערטריבענקײט צו די מנהגים פון אײראָפּע, הײנט איז אונזער בעציהונג צו דער פרױ איבערגעביטען געװאָרען אױף אַנ׳אונגאַטיר־ליכען אופן און אַלץ, װאָס אומנאַטירליך נעהמט במילא אָן קאַריקאַטורעלע פאָרמען.

אונזער יוגענד קאָן שױן ברוך השם הײנט די חכמה פון בוקען זיך פאַר דער פרױ, קושען איהר די הענד מיט דער פאַלשקײט פון אַ קנעכט, נאָר אײן זאַך האָט אונזער יוגענד נאָך נישט. װײל אַמאָל, אַמאָל האָט דאָס די יודישע יוגענד יאָ געהאַט — דעם חוש, די פערשטענדניש — פאַר דער פרױ אַלס מוטער.

מיר קומען אַרײן אין טראַמװאַי. דער װאַגאָן איז געפּראָפּט, נישטאָ זיך װאו אַװעקצוזעצען. אַלע זיץ־פּלעצער פערנומען, נו, שטעהען מיר, נישטאָ קײן ברירה. אָבער אָפּט, בײ דער נאָהענטסטער סטאַנציע קומט אַרױף אױפ׳ן טראַמװאַי אַ פרױ מיט אַ קינד אױף דער האַנד. אַלע בלײבען זיצען קײנער מאַכט נישט קײן פּלאַץ. צװישען די פּאַסאַ־זשירען זיצען יונגע מענשען — זײ בלײבען זיצען. די מוטער מיט׳ן קינד בלײבט שטעהן, דער טראַמ־װאַי טרײסעלט זיך, די מוטער כאַפּט זיך אַמאָל פאַר דעם אָנלעהן, אַמאָל פאַר יענעם, אָט פאַלט זי שיעור נישט, אָבער דער עולם בלײבט זיצען, מען טרעט איהר נישט אָפּ קײן פּלאַץ, נאָר אָט איז זיך מישב אַנ׳אַלטיטשקער — און אַ קריסט, אונבעדינגט אַ קריסט און מעג עס זײן אַפילו פאַר אַ יודישער מוטער מיט אַ יודיש קינד אױף דער האַנד — ער הױבט זיך אױף, טרעט אָפּ דער פרױ דעם פּלאַץ און פערבעט זי פשוט, מענש־ליך זיך צו זעצען. די פרױ דאַנקט. זי זעצט זיך. דער אַלטיטשקער בלײבט שטעהן און טרײסעלט זיך. נאָר די יונגע, די פײנע, פּאָלירטע יונגעלײט מ׳ט שטײפע מאַנזשעטען, אָנגעטאָן אין אָנציגער לױט דער נײעסטער מאָדע, פראַנטען, אינטעלי־גענטען און חײם איך װאָס, זײ בלײבען זיצען...

און זאָל עס אונז צו קײן גנאַי נישט זײן, מיר װעלען זאָגען אָפען: אין 90 פאַלען פון הונ־דערט בלײבען, טאַקע זיצען יודישע יונגעלײט, אַפילו װי געזאָגט, אױב די פרױ, מיט׳ן קינד זענען יודי־שע. דאַגעגען, קריסטליכע יונגעלײט װעלען זיך קװענקלען אױפצושטעלען פאַר דער „זשידובקע", אָבער — זײ װעלען זיך נאָך אין 90 פאַלען פון הונדערט פאָרט אױפשטעלען און אָפּטרעטען דעם פּלאַץ דער פרױ דער מוטער מיט׳ן קינד.

פונװאַנען נעהמט זיך דאָס? דאָס איז די פעולה פון אונזער איבערטריבענעם יאָגען זיך נאָך אײראָפּעאישע מנהגים. קורטואַזיע פאַר דער פרױ װערט בײ אונז פערװאַנדעלט אין אַזאַ מין אינ־האַלטסלאָזע, פוסטע געװאױנהײט, פון װעלכער עס קעהרט אַ חלשות און נאָר פון דאַנען שטאַמט דאָס. װײל אַמאָל איז בײ יודען אַנדערש געװען, דערױף זאָגט עדות די הערליכע תלמודישע לעגענדע װע־גען ר׳ טרפון, װאָס פלעגט אונטערשפּאַרען די הענד אױף דער פּאָדלאָגע, אַז זײן אַלטיטשקע מוטער זאָל האָבען װײך צו טרעטען. אין דער דאָזיגער לעגענדע זעהען מיר די פּיעטעט פאַר דער מוטער פון די בעסטע פון אונזער פאָלק, דאָס איז נישט הױלע „קורטואַזיע", פוסטע מנהגים, דאָס איז מענשליכקײט, אָט דאָס װאָס עס פעהלט די יונגעלײט פון אונזער דור.

פ. א.

גאָלדענע גליקען

(ראָמאַן) (32

— איהר האָט בעדאַרפט צו פערשטעהן, װאָס איך האָב אײך געזאָגט — האָט זי שנעל אַרױסגעשפּעטשעט — איהר טאָרט נישט פאָהרען קײן װאודפאָרד, איך קאָן אײך נישט דערקלעהרען... פאַרװאָס... איך האָב נישט דאָס רעכט אײך צו װאָרענען... איהר מוזט אָבער צוקלעהרען עפּיס אַנ׳ענטשולדיגונג, און גיט צו־װיסען אײער קרוב, אַז איהר פאָהרט נישט... מאָרגען.

— װען מיר װעלען אַרױפגעהן אױבען, מוזען מיר זיך אַװעקזעצען ערגיץ, װעט איהר אפשר...

— נײן, נײן! — האָט זי מיך שנעל איבערגעשלאָגען — איך מוז אַװעק פון דאַנען, מיסטער העברי װאַרט אױף מיר, סײ־װי קאָן איך אײך מעהר נישט זאָגען...

מיר זענען אַרױס אין קאָרידאָר, װאָס איז פול געװען מיט געסט, װעלכע האָבען זיך אָנגעהסון אַװעקצוגעהן.

אין דעם מענשען-געזעמעל האָב איך דערזעהן אַנ׳אַלטען גרױען מאַן, אין דער בעגלײטונג פון װעלכען מאַריאַ איז פריהער דערשינען און דאָס איז געװען מיסטער העברי טרײגאָס.

איך האָב פערשטאַנען, הלמאַי ער האָט זיך מיר אױסגעװיזען צו זײן קענטליך.

ער שטאַרק פערעלטערט געװאָרען פאַר דער צײט, װאָס איך האָב איהם בעגעגענט אין לאַ־פּאַס.

איצט האָט ער אונז דערזעהן, און איז צו־געגאַנגען.

— זענט איהר גאָר דאָ, מאַריאַ! — האָט ער זיך אָפּגערופען — װאו זענט איהר פערפאַלען געװאָרען?... איך װיל אײך נישט אײלען, אָבער...

אין דעם מאָמענט האָבען זיך זײנע אױגען בעגעגענט מיט מײנע.

דער אױסדרוק פון זײן פּנים האָט זיך געענדערט, און געװאָרען פײנדליך.

מאַריאַ איז בלאַס געװאָרען.

— איהר... איהר זענט בעקאַנט מיט׳ן מיסטער נאַטאַן? — האָט זי אַרױסגעשטאַמעלט — איך געה זיך גלײך אָנטאָן, אין אַ מינוט אַרום װעל איך זײן פערטיג.

זי איז שנעל אַװעק, און איך האָב זיך דערפיהלט זעהר אומאַנגענעהם פערבלײבענדיג אַלײן אין דער-געזעלשאַפט פון׳ם אַלטען.

עס האָט זיך בשום אופ׳ן נישט געלײגט אױפ׳ן שכל, אַז מיסטער העברי זאָל האָבען געדענקט די צופעליגע, קורצע צוזאַמענטרעפעניש פון אונז בײדען, װאָס איז פאָרגעקומען מיט צעהן יאָהר צוריק.

אױב ער האָט יאָ געדענקט, האָט ער דאָך נישט געהאַט קײן שום סיבות צו קוקען אױף מיר מיט אַזױ פיל שנאה.

משמעות, אַז אױך ער האָט געמײנט — איך בין סאַלאָמאָן נאַטאַן.

— דאַכט זיך, מיס ראָזען האָט רעכט, מיסטער נאַטאַן, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט קאַלטער ליבענסװירדיגקײט — מיר האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען, הגם בײ אַנדערע אומשטאַנדען.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט מיט אַ פערנױגונג — איך האָב געהאַט דעם כבוד פינף מינוט צו האָבען אַ שמועס מיט אײך מיט צעהן יאָהר צוריק.

זײנע דינע ברעמען האָבען זיך צוזאַמענגעצױגען.

— אַזױ גאָר! — האָט ער אַ שמײכעל געטון — איך האָב אָבער געמײנט אונזער שפּעטערדיגע צוזאַמענטרעפעניש, איבעריגענס איז אײער לעבען אין סאַן־לוקאַ נישט געװען אַזױ אָנגענעהם, כדי איהר זאָלט די דעמאָלסטיגע צײט קאָנען דערמאָנען מיט צופרידענהײט!

די דאָזיגע רײד זענען געװען, װי ביך דריקט זיך אױס: „אַ בוכצע אונטערן לעפעלע", אָבער איך האָב זײ גאַנץ רוהיג אױפגענומען.

— איך בין קײנמאָל אין מײן לעבען נישט געװען אין סאַן-לוקאַ, מיסטער העברי! — האָב איך געענטפערט מיט אַ נײער פערנױגונג.

אין די אױגען פון העברי טרײגאָס איז לײכט געװען אַדורכצולײענען, װאָס ער װיל זאָגען.

ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען, און אײדעל בעמערקט:

— איך האָב מורא, אַז סאַן-לוקאַ איז נישט אַזױ גליקליך, װי אײער זכרון.

צום ערשטען מאָל אין מײן לעבען האָט מען געזאָגט, אַז איך בין אַ ליגנער.

אױף אַ מאָמענט האָט דאָס בלוט מיר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ... איך האָב צונױפגעבײלט די פױסטען, און געמאַכט אַ שריט פאָראױס, נאָר איך האָב זיך דערמאָנט אין די הבטחות, װאָס איך האָב געגעבען נאַטאַנען.

מיט אַ געװאַלדיגער אָנשטרענגונג פון װילען האָב איך דערשטיקט אין זיך די בעלײדיגונג.

ס׳איז מיר אַ שאַד, װאָס איהר האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אײער דיפּלאָמאַטישער קאַריערע, — האָב איך זיך קאַלט אָפּגערופען, און זיך אָפּגעקעהרט אין אַ זײט.

מיר זענען געװען אַזױ טערנומען מיט׳ן אַרײנזאָגען זיך אײנער דעם אַנדערען, אַז מיר האָבען גאָר נישט בעמערקט, װי מאַריאַ איז צוריקגעקומען.

זי האָט זיך שנעל אָנגעשטױסען, אַז די שטימונג צװישען אונז איז זעהר נישט קײן געהױבענע, האָט זי זיך אַװעקגעשטעלט אינמיטען, און אָנגעהמענדיג דעם מיסטער טרײגאָס בײם אַרבעל, האָט זי געזאָגט:

— איך בין פערטיג! דער אױטאָמאָביל װאַרט שױן.

אָפּגעזעגענדיג זיך מיט איהר, און נישט בעגריסענדיג טרײגאָסן, בין איך אַװעק.

דער קורצער צוזאַמענשטױס מיט׳ן געװעזענעם דיפּלאָמאַט האָט דערװעקט אין מיר די קריגעריש אינסטינקטען.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף זיך נאָך אַדורכ׳טענה׳ן מיט סענגאַט׳ן.

נישט פּטר׳נדיג קײן צײט, בין איך אַװעק מיט דער אָראַנזשעריע צו זײן קאַבינעט, און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

(פאָרטזעצונג קומט)

„בּ'קוש אייער האנד, מאדאם"

HARRY LIEDTKE

היינט און פאל־גענדע טעג!!!

גרויסער קלאַ אויפ'ן גרונד פון פּאָפּולערסטען לידעל!.. אין דער הויפּט ראָלע

געזאַנג! דאָס פּאָפּולערסטע לידעל „בּ'קוש אייער האנד, מאדאם״ וועט זינגען דער ליבלינג פון פובליקום p. ZYGMUNT ULLAS

נעכסטער פּראָגראַם „לאַך, לאַך פּאַיאַץ" גרויסע דראַמע פון צירק־לעבען. אין די הויפּט־ראָלען: LON CHANEY i LORETTA YOUNG.

Kino Spółdzielni
Sienkiewicza 40.

אָרקעסטער בּעדייטענד פערשטאַרקט
8־טונג קינא אין גארטן אהן ריקזיכט אויפן וועטער

וויכטיג פאַר לעטניקעס!

ווילט איהר האָבּען, אַ אייערע קינדער זאָלען געניסען פון דער פרישער מאַי־לופט, דאַן ברענגט אייערע צושעדיגטע

שפּאַציר - וועגעלעך

צו דעקען מיט צוראַטע.

בעמערקונג: ס'איז אויך בּיי מיר צו בּעקומען פעלד בעטען PALMA-PATENT, פּאַטער־בּעטען, לעזשאַקעס און עס ווערט אויך אָנגענומען פערשידענע טאַפּעציר־אַרבּעטען.

Tapicer I. GNAT, Łódź, Południowa 21. 7367

צו פערקויפען

פלומפּען־מאַשינען צו ביער, ווי אויך אַ ביער־אַפּאַראַט אין בעסטען צושטאַנד ביי מ. י. גורא (צוקערניע), זגערזשער 8. 7360

השבת אבדה.

פרייטאָג, ד. 17 מאַי ד. י. האָב איך פערלוירען אַ וועקסעל אויף 200 זל. אויסשטעלער טערעזאַ קאַהן; אָרדרע מ. דאָמב, צאָהלבּאַר דען 12/6 1929 אין לאָדז. נאַוואָם. 19, לעצטע זשיראַ א. וואַלרויך, זגערזשער 34 לויף־נומר 474. דער וועקסעל ווערט ערקלערט פאַר אומגילטיג. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אָבצוברענגען געגען בעלוינונג צו פ. וויסמאַן, זגערזשער 32.

כ'זוך אשותף

מיט אַ קאַפּיטאַל פון טויזענד דאָלאַר צו אַ גוט אײַנגעפיהרט קאָסט־אַרטיקעל אין בעסטען צענטרום שטאָדט. אָפערטען אונטער "1000" אין אַדמ. פון דער צייטונג. 7353

וויכטיג פאַר לעטניקעס

PALMA-PATENT

אַנשטאַט זיך צו באָרגען אַ בּעט אויף אָבּנוץ־געלד
קויפט בּעסער פאַר'ן זעלבּען געלד
אַנ'עכט פּאַטענטירט בּעט מיט אַ מאַטראַץ
PALMA-PATENT וואָס איז פערזעהען מיט דער שוץ־מאַרקע
פאַר וועלכען מיר גאַראַנטירען אויף 3 יאָהר.
אויסערדעם, בּעזיצען מיר שטענדיג אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל
ניקעל־בּעטען, אַמעריקאַנקעס,
ניקעל־קינדער־בּעטען, קינדער־וועגעלעך,
טיש־בּעטען, קינדער־בענקעלעך
מעטער־מאָס, אויף רעדלעך.

מאַטראַצען

געבּעטע, שאַטקאָווע און קאַנאַדיסקע קאָזעטקעס און טאַפּטשאַנעס

בעמ.: בעטלעך מיט וואַנטלעך ווייס און ברוין 17 זל., פּאַלאָווע־בעט. 14 זל. רעעלע בעהאַנדלונג, פאַבּריקס־פרייזען, זעמטליכע רעפּעראַטורען.

הורט לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85. דעטייל

נוצט אויס די געלעגענהייט!

נור נאָך אַ קורצע צייט!

צו יעדען ½ טוץ פּרעכטיג רעטושירטע פאָסטפאָטאָגראַפיעס (1 פּערזאָן) גיבּען מיר צו גראַטיס

אַ פּאָרטרעט

אויסערדעם ווערען אויסגעפיהרט אַלערליי שענסטע קונסט־פאָטאָגראַפיעס לויט די נייעסטע פאָטאָ־קונסט.

מיט אַכטונג פאַר שולען און פעראיינען—בעזונדערע הנחות.

קונסט־פאָטאָגראַפישער אַטעליער
„PARISIEN"
30 פראַנציסקאַנער 30

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY
WodnyRynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od dnia 14-go maja do 20 maja 1929 r.
Dla dorosłych:

Świerszczyk

(KSIĄŻE POZWOLIŁ)
W rolach głównych :
Lya Mara i Harry Liedtke.
Dla młodzieży:
w krainie srebrnego lwa w 10 aktach obraz

Persja

realizacji BERNARDA KELLERMANA

אַ טיכטיגע פערקויפערין

פון דער שיך־בּראַנזשע ווערט געזוכט אין שיך־געשעפט פיעטראַווער 17 ביי אַדערבּערג. צו מעלדען זיך פּריוואַט־וואוינונג פּאָמאָרסקאַ 3 פון 1—3 נאָכמ. און פון 8 אַזייגער אָוונד.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און ערצטליך־דענטיסטישער קאַבּינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי נאָז האַלז, אויערען קר.	10—11 2—3, 6—7
ד"ר רוזשאַנער הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאָלדשטיין־פּאָלאַק אויגען־קראַנקהייטען	1—2, 7—8
ד"ר יוסטמאַן נערווען קראַנקהייטען	12—2 חוץ זונ.
ד"ר ראָזענצווייג קינדער־קראַנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פּאַפּיערני פרויען און געבורטס־הילף	11½-1 5-6
ד"ר קאַנטאָר כירורגישע־קראַנקהייט.	4-5 זונ. 1—2
ד"ר ווייכבּערג אינג. הערץ לונגען־קר.	12—1, 6—7
ד"ר סטופּעל רענטגען	10—12 4—6
א. נראָדזענטשיק צאָהן־ארצט	3—7
נ. ראָזעס צאָהן־ארצט	9—2

צאָהן־מונדהיילונג, בּעלייכטונגען, קאַראָנען, מאָסטען א.א.וו.

בּיי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען

אַ רענטגען־אינסטיטוט

היילונג פון הויט קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגען־שטראַלען, פאַר בּעשטראַלונג און דורכלייכטונגען, קוואַרץ־לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. אַ קורס פאַר שטאַמלער. אימפּונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.
וויזיט אין דער שטאָט.

ערצט.-קאָסמעטיש. גאַבּינעט

פרל. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5—7 אָוונד

Dr. Różaner

ספּעציאַליסט פאַר הויט־, ווענערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע.

היילונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען און דיאַטערמיע

DZIELNA 9 (Narutowicza), tel. 28-98.

נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8, פרויען פון 3—4

וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער. אייגענע פּראַצאָווניע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, ווי: וועלאַרקעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע פיס, גאַרסעטען א. ז. וו.

עמפּפאַנגט פון 5—7 אין אָוונד.

Dr. med. H. LAJCHTER

צאָהן־כירורג

דויאַטלע־, קין־, גימען־ און צאָנג־קראַנקהייטען.

Konstantynowska 9.
telefon 49-66
od 1½—5 po pol. 4604

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און דענטיסטישער קאַבּינעט.
בּושעוזשינער 11, טעלעפאָן 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

ד"ר אימיך נאָז, האַלז, אויערען קר.	4½—5½
ד"ר קערשנער קינדער־קראַנקה.	9-11 3-4½
ד"ר שיפּמאַן אינערליכע קראַנקהייטען	12—2
ד"ר לובּימש הויט און געשלעכט־קר.	12½—1½
ד"ר שמירגעלד נערווען און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאָלדבּלאַט אויגען־קראַנקה.	12½—1½
ד"ר חיים כירורגישע קראַנקהייטען	2—3
ד"ר בּערנסאָן פרויען און געבורטס־הילף	3—4

פּסיכאָ־טעראַפּיע, שפּראַך־שטערונגען ווי שטאַמלען א.א. ווי פּאָקען־שטעלן, קינסטליכע בּערג־זון־בּעשטראַהל. איינשפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַצ. אויף טערלאַנג הייזונגען אין שטאָט. אין לאַבּאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע ערט אַנאַליזען, אויך פלעגמע און בּלוט

אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען

אַ רענטגען־אינסטיטוט.

ד"ר לאָזשינסקי סטאָראָפּאָלסקאַ צאָהן־ארצט 10—1 3—6
קינסטליכע ציינער, קראָנען, פּלאָמבּען א. א. וו.

די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

אַ טיכטיקער דאַמען־שניידער־געזעלען

ווערט געזוכט פון זאַפּאַרט צו פעליץ־אַרבּעט. געוואונשען ער זאָל אויך קענען פאַסען. בּאַמערקונג: געזוכטע אַרבּייט אַ פעליג יאָהר צו מעלדען זיך אין פעליץ־ווארען געשעפט י. שוואַרצמאַן נאַרוטאָוויטשאַ 42 טעל. 6631

Dr. ADAM GROSGLIK

Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען און ליכטהיילאינסט. נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונד

אַ ניי־געמוירערט הויז

פון 18 שטובּען איז פון זאָפּאָרט צו פערקויפען. פאַר'ן קויפער איז פּרייז אַ שטוב מיט אַ קיך
קעלמאַ גאַס 29

Dr. med. W. EYCHNER

גינעקאָלאָג־אַקושער
זגערזשער 11.
טעל 34-72
נעמט אָן פון 6—8 אָוונד.

אַכטונג לעדער־אַרבּייטער
עס ווערט געבּרויכט אַ קאַמאַשען־מאַכער צושניידער, קאַמאַשען שטעפּער צו סאַנדאַלעטען ווי אויך צוועקער.
שיך־פאַבּריק „ווינלען"
99. זשעראָמסקיעגאָ 99.

שפּאַרט געלד!

קויפט שירמס, שטעקענס

נור אין דער וועריקסטעל

ס. פיינגעבוים, נאַרוטאָוויטשאַ 19

וויל איהר קענט דאָרט קויפען מיט ווי איבּעראַל בּיליגער 25%

אַכטונג! ס'ווערען אָנגענומען אַלערליי רעפּעראַטורען און דעקען.

פּאָהרען אויף אַ ראָווער

קען מען זיך לייכט אויסלערנען אויף דעם וועלאָדראָם, קאָנסטאַנטינער 16.

אָפען פון 9 פריה ביז 11 אַ זייגער אָוונד. עס ווערען אויך אויסגעבּאָרגט ערשטקלאַסיגע ראָווערען (פיר הערן און דאַמען) אויף אויספּלוגען. ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלערליי רעפּעראַטורען און ס'ווערט אויסגעפיהרט רעיעל, סאָליד און בּיליג. אויפ'ן אָרט איז אויך צו בּעקומען פערשידענע טיילען צו ראָווערען. 7348

אַכטונג, טישלער!

צוליב'ן פאַלען פון די פרייזען פון די מאַטעריאַלען איבּערהויפּט וואַלדהאָר פערקלענער איך די פרייזען:
1 פּאַר צוויי טייליגע מאַטראַצען פעדערקאַנט גוט געמאַכט 132 פעדערן צו 150 זל.
1 טוץ שטיהל געבּעט אויף לעדער 60 זל.
אַלעס צו בּיליגע פרייזען:
בּעמערקונג: פאַר קאַסע איז בּיליגער.
J. Bresler, Południowa 10, Tapicer

אַ פאַבּריקס־לאָקאַל

איינגעריכטעט מיט מאָטאָרען און טראַנסמיסיעס, ווי אויך אַ געוועלבּ, צו פערמיטען, ווי אויך צו פערקויפען אַ מאָטאָר (12 פערד), בּעגענשטענדע צו צוקערלעך, שאָקאָלאַד, מאַרמעלאַדע־וואַפלען אויסאַרבּייטונגען אָדער קעלערס אין אַ גרעסערן פערנעהם אין גוטען צושטאַנד, ווי אויך 2 געוועלבּער. צו ערפאַהרען בּיים ווירט מ. ה. ווראָבּלעווסקי נאַוואָמיעסקאַ 21

מעבּעל, שלאָסעריי און שוויסעריי

J. REDER

ŁÓDŹ, Konstantynowska 11
(Róg Zachodniej)

בּנעמט אָן אַלערליי שלאָסעריי־אַרבּייטען צו בּיליגע פרייזען און פּינקטליכע אויספיהרונג.
פּריוואַט־וואוינונג: גדאַנסקאַ 20.

מאַשין־לעבּער

ווערן אָנגענומען אויסגאַנייע בּיי
ג. נאָרדמאַן צעגעלניאַנאַ 29

אַבּאָנאַמענטס־פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. אַ חודש מיט אָפּטראָגען אַ היים; אויף דער פּראָווינץ — 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד — 8 זל. פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בּיטאָג און בּיינאַכט.

אַנאָנסען־פּרייז פאַר אַ מילימעטער־שורה: פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען; אין טעקסט—40 „ „ „ „ —60 „ 4 „; נאָכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ —18 „ 8 „. אונטער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער. אויסל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. אַ וואָרט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat" Spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg.
Czcionkami i druk „Najer Folksblat" Piotrkowska 21;
Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.